STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04924

# DI GESHIKHTE FUN SHTETEL OBERTIN UN ZAYNE IDEN BIZ'N YOR 1918

M. Villbakh

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ed & Leah Frankel*
*in memory of*
*Benjamin Frankel*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די־זע גע־שיכטע איז צוגעשיקט געוואָרען

פון

# דר. מ. ווײללבאך און עמיל הונדערט

צום יונייטעד אב'ערטינער רעליעף, אין וועלכען עז זיינען

באַטייליגט אַלע אָבערטינער אָרגאַניזאַציעס

און אַלע אָבערטינער לײדיעס אוקזילערים

•

# UNITED OBERTYNER RELIEF

**193 Second St., New York City**

•

JOSEPH AUSFRESSER, Chairman

H. MERL, Treasurer

REV. M. AUSFRESSER, Secretary

107 Reiter & Reiner, Printers, 102 Attorney St., N. Y. ?

# 1. די געשיכטע פון שטעטעל אבערטין און זיינע אידען ביז׳ן יאָר 1918

דאָס שטעטל אבערטין, ליגט אין מזרח קליין־פוילען, אין אַזוי־גערופענעם ״פאָקוציע״, אין צפון־מזרח פון קאָלאָמיי.

אבערטין איז אַ היסטאָריש שטעטל. נישט ווייט פון דאָרט האָט דאָס פוילישע מיליטער אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון איבער די וואָלאָכען, (די היינטיגע רומענער), אין יאָר 1551.

פאַר דעם אויפבוי פון דער אייזען־באַן ליניע לעמבערג־קאָלאָמיי־טשער־נאָוויץ, האָט דער האַנדעלס טראַקט פון לעמבערג קיין טשערנאָוויץ געפירט דורך אבערטין, וואָס ס׳באַשטעטיגען די הייזער ביים טראַקט, געבויט אויפ׳ן סטיל פון איינפאַר־הייזער, וועלכע האָבען זיך נאָך ערהאַלטען ביז דער לעצ־טער מלחמה מיט די דייטשען.

די צאָל אידען, וואָס האָט געוואוינט אין אבערטין ביזן דרייצענטען יאָר־הונדערט, איז וואָרשיינליך געווען גאָר אַ קליינער, ווי מען קען דאָס זען פון דעם איינציגען בית־עולם, אויף וועלכען ס׳האָבען זיך דערהאַלטען מצבות פון מיט אַ ערך 200 יאָר צוריק. דאַקעגן אָבער קאַמיאָנקאַ־וויעלקאַ, אַ דערפעל אויף דרום פון אַבערטין, אין פאַר דעם אויפבוי פון דער באַן־ליניע געווען אַ געגנוג גרויסער ישוב, וועגען וועלכען ס׳זאָגען עדות די פאָסט־קאַרטעל, וואָס מען האָט געפונען אַדרעסירט קיין: ״קאָלאָמיי ביי קאַמינקאַ־וויעלקאַ״. דאָ זיינען אויך געווען שרידים פון אַ אַלטען אידישען בית־עלמין פון אַ 500 יאָר צוריק.

מעגליך, אַז מיט דער צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענטוויקלונג פון דער שטאָט קאָלאָמיי, און הויפּטזעכליך נאָך דעם אויפבוי פון דער באַן־ליניע, האָט אַ געוויסע צאָל אידען פון קאַמיאַנקאַ־וויעלקאַ זיך באַזעצט אין קאָלאָמיי, און די רעשט אין אבערטין. אַ חוץ דעם, האָבען אין אבערטין זיך באַזעצט אידען פון די אַרומיגע דערפער, אין וועלכע זיי האָבען געלעבט אין די פריערדיגע צייטען אַלץ ארענדאַרן פון קרעטשמעס ביי פוילישע פריצים, אָדער וועלכע האָבען געהאַנדעלט אין דאָרף.

פון 14טען יאָרהונדערט ביז די צוטיילונגען פון פוילען, האָט אבערטין געהערט צו פוילען, נאָך די צוטיילונגען ביז׳ן יאָר 1918, צו עסטרייך, און פון י. 1918 ביז 1939, ווידער צו פוילען.

פון דעם 17טען סעפּטעמבער, י. 1939, געפינט זיך אבערטין אונטער דער מאַכט פון ראַטען־פאַרבאַנד, פון יולי 1941 ווערט עס אָקופּירט פון די

דייטשן און באַפרייט אין מערץ 1944 דורך דער רויטער אַרמיי, געהערט עס היינט צום ראַטן־פאַרבאַנד.

אין די צייטען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די אידישע באַפעלקערונג אין די יאָרען 15־1914 זיך עוואַקואירט קיין עסטרייך. אַ קלענערע טייל קיין ווין, און די מערהייט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין יאָר 1918, נאָכ׳ן ענדע פון קריג, האָט זיך כמעט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג צוריקגעקערט קיין אבערטין.

---

## 2. די געשיכטע פון אָבערטינער אידען פון יאָר 1919 ביז׳ן יאָר 1939

פאַר׳ן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה, האָט די אידישע באַפעלקערונג אין אבערטין געציילט העכער 2,000 נפשות. די אידען האָבען זיך באַשעפטיגט מיט האַנדל, האַנדווערק, ערד־אַרבייט און שטוב־אינדוסטריע. קיין גרעסערע סוחרים זיינען נאָכ׳ן יאָר 1918 אין אבערטין נישט געווען. דאָס רוב זיינען געווען קליין־הענדלער, גרייזלער, קליינע תבואה סוחרים און פערד־סוחרים. אַ געניג גרויסע צאָל אידען זיינען געווען קצבים. פון האַנדווערקער איז דער רוב געווען שניידער, שוסטער און סטאָליערס, און אַ קליינע צאָל קירזשנערס. די אידישע אינטעליגענץ, אין דער צייט פון ערשטען וועלט־קריג איז געווען גאָר אַ קליינע, און אַזוי: 2 דאָקטוירים, מעדיצינער, 2 אַדוואָקאַטען, אַ אַפטייקער און אַ לענגערע צייט איז דער לייטער פון פאָסט־אַמט אויך געווען אַ איד.

די מערהייט אידישע באַפעלקערונג איז געווען אַ אָרימע. פון דער עוואַקואַציע אין די יאָרען 1914־1918, האָבען זיי זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען אָן קיין פאַרמעגען, און נאָר אַ דאַנק דער הילף פון זייערע קרובים אין אַמעריקע, האָבען זיי צוריק אויפגעבויט זייערע רואינירטע הייזער און רעאָקטיווירט זייערע אַרבייטס־וואַרשטאַטען. אין די צייטען פון אויפבוי און פראָספעריטי, אין פוילען, ביז׳ן יאָר 1929, זיינען די אידען דערגאַנגען צו אַ געוויסער מאַטעריעלער גלייכגילטיגקייט, וועלכע איז גאָר שנעל אַנגערירט געוואָרן, צוליב דריי וויכטיגע סבות:

1. צוליב דער שטייערן־פּאָליטיק פון דער דאַמאָלסדיקער רעגירונג, וועלכע האָט די גאַנצע לאַסט פון שטייערן געוואָרפן אויף די שטעט און צוליב דעם ספּעציעל געטראָפען די אידען;

2. צוליב דעם מאָראַטאָריום אויף די חובות פאַר די ערד־אַרבייטער וואָס האָט געגעבען דאָס רעכט די בעלי־חובות צו צאָלען די ערשטע יאָרען בלויז אַ מינימאַלען פּראָצענט, און דער קאַפּיטאַל איז צעלייגט געוואָרען אויף ראַטען אויסצוצאָלען, אין משך פון 6 יאָר;

3. די אַנטוויקלונג פון די אוקראַאינישע קאָאָפּעראַטיווען, וועלכע האָבען געהאַט אַ בולט'ע טענדענץ צו באַקאַטירען אין ערשטער ריי דעם אידישען האַנדעל.

און דערפאַר אויך, האָבען די דריי סבות צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין לאַנד, אין די יאָרען פון 1930־1939, גורם גע־ווען אַלץ אַ גרעסערע פּאַרערעמערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אַ געוויסע הילף פאַר די קליין־הענדלער און האַנד־ווערקער האָט געשאַפען דער ענטשטאַנענער אין יאָר 1927־1928 „קאָאָפּעראַטיווער אידישער באַנק", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אויפ'ן יסוד פון איינגעצאָלטע פּאַיעס פון זיינע מיטגלידער, ווי אויך פון אַ גרויסער סובווענץ פון אויסערליכען אי־דישען קאַפּיטאַל.

די באַנק האָט אָבער איר אויפגאַבע געהעריג נישט ערפילט, ווייל אירע ערשטע אָנפירער (יוסף אדעלסמאַן און פּייוועל שפּערבער), האָבען באַנוצט דעם באַנק־קאַפּיטאַל, הויפּטזעכליך פאַר פּערזענליכע מאַטעריעלע צוועקען, און ווען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע דעלעגירט פון פּוילישען צענטראַל באַנק אין לעמבערג און וואַרשע, האָט אַנטדעקט געוויסע מיסברויכען, איז די אַלטע אָנפירערשאַפט אָבגעטראָטען, און אויף איר אָרט איז געקומען אַ נייע, וועלכע האָבען דערפירט די באַנק צו אַפּגרונד אויף אַן אַנדערען אופן. דעם קאַפּיטאַל האָט מען אויסגעליגען פּאַרמעגליכע גוטבאַזיצער, וואָס האָבען דאָס געלט נישט צוריקגעצאָלט, ווי אויך ערד־אַרבייטער, וועלכע האָבען אויסגענוצט דעם אויבנדערמאָנטען געזעץ וועגען אַ מאָראַטאָריום אויף חובות פאַר ערד־אַרבייטער.

נאָך אדעלסמאַנען און זיין חברותה, איז געוואָרען דער אָנפירער פון באַנק ד"ר וואָלף ברעטלער (וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה גוטבאַזיצערס), און וועלכער האָט פּיוואַריזירט ביים פּאַרטיילען הלוואות די גוטבאַזיצער און רייכערע ערד־אַרבייטער געבענדיג זיי הלוואות ביז 200 דאלאַר פאַר איין פּער־זאָן און ביי אַ געוויסען בייט פון די זשיראַנטען אַפּילו אַ פאַר הלוואות פאַר דער זעלבער פּערזאָן, אין דער צייט ווען קליינהענדלער און האַנדווערקער האָבען מיט גרויסער מי באַקומען הלוואות פון 50 ביז הונדערט 100 דאלאַר.

יוסף אודעלסמאַן, באַזייטיגט פון דעם „אידישען קאָאָפּעראַטיווען באַנק", גרינדעט אין יאָר 1930 אַן אַנדערע קרעדיט אינסטיטוציע אויפ'ן נאָמען: „גמילת־חסד פּאַראיין", פאַר אָרעמע האַנדווערקער, וועלכעס קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון די ביישטייערונגען פון די מיטגלידער און די צוזאַמענגעלעגטע נדן'ס פון אָרעמע מיידלעך־געלד, וואָס איז געווען אַריבערגעזיקט פון קרובים אין אַמעריקע, — נאָר דער באַנק האָט אים נישט ערפילט זיין אויפגאַבע, ווייל די קליינע הלוואות אין סכום פון 100 זלאָטעס האָט מען געליגען אויף „וואָכענגעלד" אין די גרעסערע סומען, ד. ה. די נדן'ס וואָס זיינען געווען

אינוועסטירט אין באַנק, האָט מען לויט׳ן באַשלוס פון אַ ספּעציעל צוגעקלי־בענער קאָמיסיע אויסגעליגען דעם פּרעזעס ד. ה. אודעלסמאַנען, ביי וועלכען עס איז פאַרפאַלען געוואָרען, ווייל ער האָט דאָס פאַרווענדט אויף צו אַנטוויקלען זיינע פּריוואַט פאַרמעגען און געשעפטען. און ווען עס איז געקומען די רויטע אַרמיי, איז דאָס געלט ביי אים פאַרפאַלן געוואָרן און די אָרעמע מענשען זיינען געווען פאַרצווייפעלט.

דער אָרעמסטער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט געצויגען איר חיונה און זיך ערהאַלטען, אַ דאַנק דער אנטוויקלונג פון דער וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרצווייגטער שטוב־אינדוסטריע ד. א. פילעטען נייען, ווי: פאַר־הענגע, בעט־דעקען א. א. ביי אַ אָנגעשטרענגטער אַרבייט, וועלכע האָט גע־דויערט צומאָל 12 שעה אין מעת־לעת, האָט אַ אַרבייטער געקענט פאַרדינען 2 זל. אַ טאָג. און נעמענדיג אין אַכט, אַז שוין 10־יאָריגע קינדער האָבען זיך געקענט באַשעפטיגען מיט פילעטען־אַרבייט, איז דער פאַרדינסט — פאַרגרע־סערט דורך דער מערהייט פון משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון עטליכע מענשען, — געווען אַ גענוגענדער אויף צו קענען אויסהאַלטען דאָס גאַנצע הויזגעזינד.

דערפאַר, האָבען אַפילו אידען, וועלכע האָבען געשטאַמט פון סוחר׳ישע משפחות און נישט נאָר פון אָרעמע בעל־מלאכות, זיך אויפגעהערט שעמען און באַשעפטיגט זיך מיט פילעטען־אַרבייט. אַפילו שפּעטער, פאָלגענדיג דעם ביישפּיל פון אידען, איז אויך די שטוב־אינדוסטריע אַנטוויקעלט געוואָרען, אין גרויסען מאַסשטאַב, צווישען דער נישט־אידישער באַפעלקערונג. די פערטיגע אַרבייט האָט געהאַט אַ גרויסען אָבגאַנגס־מאַרק נישט נאָר אין לאַנד ד. ה. אין פּוילען, נאָר אויך אין אויסלאַנד. דעם הויפּט אָרגאַניזאַטאָר פון דער אויבען־דערמאָנטער אַרבייטס־צווייג איז געווען אַ געוויסע פּרוי האַראָוויץ פון קאָ־לאָמיי. זי האָט געגעבען רוי־שטאָף, האָט פינאַנסירט באַזונדערע אַרבייטס־פּונקטען אין פאַרשידענע ערטער אין ״פּאָקוציע״, און זיך פאַרנומען מיט׳ן פאַרקויף פון פערטיגע פּראָדוקציע.

פאַר אירע פאַרדינסטען אויף דעם געביט, איז זי באַלוינט געוואָרען פון דער דאמאלסטדיגער פוילישער רעגירונג מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

פאַר דעם 1939טן יאָר, האָט אויך עקזיסטירט אין אבערטין אַ אידישע מילכעריי (״מלעטשאַרניע״) אין געביידע פון אַמאָליגער באַראָן הירש שול, וועלכע איז געוואָרען געגרינדעט און איינגעריכטעט דורך דער אידישער גע־זעלשאַפט איקאַ, מיטן צוועק צו העלפען אַנטוויקלען און אונטערשטיצן די אידישע ערד־אַרבייטער.

אויך די אינסטיטוציע האָט געהאַט אַ שוואַכע עקזיסטענץ, ווייל זי איז נישט אונטערשטיצט געוואָרען מצד די אידישע ערד־אַרבייטער און הויפּט־

זעכליך מצד די גוטבאַזיצער, טראָץ דער באַדייטענדער קרעדיט־הילף וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער איקאַ געזעלשאַפט.

מען מוז אונטערשטרייכן, אַז אַ גרויסע מאַטעריעלע הילף פאַר אַבער־טינער אידען איז געווען די מאַטעריעלע שטיצע פון קרובים אין אַמעריקע, סיי אינדיווידועלע און סיי קאָלעקטיווע, אין פאָרם פון יערליכע שטיצע פאַר אָרעמע אויף פסח, פון דעם אַבערטינער רעליף אין ניו־יאָרק.

אין די יאָרען פון 1920־1939, האָבען אין אַבערטין עקזיסטירט פאָל־גענדע אידיש־קולטורעלע פאַראיינען:

1. "התקוה" — אַ קולטורעל נאַציאָנאַל־ציוניסטישער פאַראיין (אַל־געמיינע ציוניסטען), וועלכע האָט געהאַט די גרעסטע צאָל מיטגלידער. דאָס קולטורעלע לעבען אין דער אָרגאַניזאַציע איז געווען שיין אַנטוויקלט. גאַנץ אָפט האָבען זיך אין לאָקאַל צוזאַמענגעקומען די מיטגלידער. ביים פאַראיין איז געווען אַ ביבליאָטעק, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל ביכער פון אידישע און נישט־אידישע שרייבער, וועלכע האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען און מאַטעריעלען ווערט. אין זאַל פון "התקוה", זיינען אָפט פאַרגעקומען פאַרלעזונגען און רעפעראַטען אויף פאַרשידענע טע־מען ווי צום ביישפיל: וועגען אידישע ליטעראַטור, קונסט, פילאָזאָפיע, אי־דישער היסטאָריע, און וועגען אַ סך אַנדערע צווייגען פון דעם געזעלשאַפט־ליכען לעבען, ווי אויך וועגען היגיענע א. א. די "התקוה" האָט אָפט אָרגאַ־ניזירט טעאַטער אימפּרעזען, מיט אייגענע קרעפטען, אָדער ברענגנדיג אין שטעטעל דראַם־קרייזען פון אַנדערע ערטער. זי האָט אויך איניצירט אַרויס־פאָרונגען קיין קאָלאָמיי, ווען דאָרט איז געווען די מעגליכקייט צו באַזוכען אַ טעאַטער פון אידישע אַרטיסטען, געקומענע פון לעמבערג און סטאַניסלאַוו. אויך האָט די "התקוה" אָפט איינגעאָרדענט בעלער, און ספּעציעל געלונגענע פורים־בעלער פאַר כאַריטאַטיווע אָדער נאַציאָנאַלע צוועקען. ספּעציעלע אי־ניציאַטיוו אין לעבען, אויפ'ן געביט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבייט האָט די פאַראיין אַרויסגעוויזען אין די צייטען פון איר לאַנג־יאָריגען אָנפירער אלהו זאָרגער ע"ה, דער זון פון משה הערש. ענערגיש האָט די "התקוה" זיך פאַרנומען מיט צוזאַמענקלייבען שפענדען אויף "קרן קימת לישראל" און אויף "קרן היסוד".

2. די צווייטע אָרגאַניזאַציע איז געווען "התאחדות", פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען כאַראַקטער, וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן געווען זייער אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטליכען לעבן פון שטעטעל. איר פאַר־זיצענדער איז געווען גרשון נאַכוואַלגער ע"ה (דער זון פון אַלטער).

3. ס'איז אויך טעטיג געווען אין אַבערטין אַ יוגענד־אָרגאַניזאַציע "החלוץ הצעיר", וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דערציען די יוגענט אין חלוצישען גייסט און צוגרייטען זי צו אַ אַרבעטער־לעבען אין ארץ ישראל.

די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטען פאַר דער פּראָדוקטיווי־זאַציע פון דער אידישער יוגענט אין שטעטעל. איינער פון אירע גרינדער איז געווען מאַקס לערנער ע"ה (דער זון פון לייב לערנער). דער פאָרזיצענדער פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דוד הונדערט (דען זון פון הערש).

ס'האָט עקזיסטירט אויך אַ וויכטיגע אידיש־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע א. ב. פון ו. מעדעם, וועלכע האָט געטראָגען אַ לינקען־סאָציאַליסטישען כאַ־ראַקטער, איז געווען אָרגאַניזירט פון דער אידישער אַרבייטער יוגענד, און געציילט אַ גרויסע צאָל מיטגלידער. אויך די אָרגאַניזאַציע האָט נישט ווייניג פאַרדינסטען אויפ'ן געביט פון פאַרשפּרייטען אידישע קולטור און קונסט אין שטעטעל. זי האָט אויך, ווי די "התקוה" געהאַט אַ ביבליאָטעק וואָס האָט געציילט אַ פּאָר הונדערט ביכער פון אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען, קולטור־רעלען און מאַטעריעלען ווערט. די מעדעם־פאַראיין האָט געהאַט אַ לעזע־זאַל אין וועלכע ס'זיינען פאָרגעקומען געזעלשאַפטליכע פאַרזאַמלונגען. די אָרגאַני־זאַציע האָט אויך אויסגעפירט פאַרשידענע אידישע פּיעסען און איינגעאָרדענט בעלער אויף קולטורעלע און כאַריטאַטיווע צוועקען. מען מוז אויך דערמאָנען, וועגען דעם, אַז אַז די מעדעם־פאַראיין צוזאַמען מיט דער "התקוה" האָבען אויפגעפירט ש. אַנסקי'ס "דער דבוק", וועלכע איז זיי אויף אַזוי ווייט גע־לונגען, אַז זיי זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו שפּילען די פּיעסע אין אַלע אַרומיגע שטעטלעך, ווי: האָראָדענקאַ, זאַבלאַטאָוו, גוואזדיעץ און אַנדערע. דער פּרעזעס פון דעם פאַראיין איז געווען משה רודער (דער זון פון חיים'ן). די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ דאָרן אין אויג פון דעם ראש־הקהל יוסף אודעלסמאַן צוליב איר לינקען סאָציאַליסטישען כאַראַקטער, איז זי אין יאָר 1938 אויפגעלייזט געוואָרען דורך דער מאַכט און די ביבליאָטעק איז קאָנ־פיסקירט געוואָרען. ביז די אויפלייזונג איז די אָרגאַניזאַציע געשטאַנען אונ־טער פּאָליצייאישער אויפזיכט, צוליב איר לינק־סאָציאַליסטישען פּראָגראַם.

אַ חוץ די אויבענדערמאָנטע פאַראיינען, איז געווען אין שטעטעל אויך אַ אידישער פרויען־פאַראיין "וויזא". אויך די אָרגאַניזאַציע האָט פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט פאָרלעזונגען, זיך פאַרנומען מיט כאַריטאַטיווער טעטיג־קייט, און הויפּטזעכליך אַרומגערינגעלט מיט אויפזיכט די אידישע קינדער.

5. מען מוז אויך דערמאָנען וועגען דער פאַראיין "דורשי טוב", וועמענס מיטגלידער זיינען מערסטענס געווען אידישע בעלי מלאכות, וועמענס אויפ־גאַבע איז געווען, העלפען פאַראָרימטע האַנדווערקער, שטיצען זיי אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער אַרבייטס־אומפעאיגקייט.

די טעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען זייער אַ שוואַכע. זייער לעבענס־פעאיגקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען שמחת־תורה, אָדער "אחרון של פסח", ווען אַלע מיטגלידער האָבען זיך צוזאַמענגענומען ביי זייער פּרעזעס יוסף אודעלסמאַן אויף אַ "טרינק" וועלכען ער האָט "געשטעלט". די פאַראיין

האָט געדינט איר שעפער און פרעזעס יוסף אודעלסמאַן צוליב זיינע צוועקען, אַלץ פּאָליטישער אינסטרומענט בשעת די וואַלען. (די מיטגלידער פון "דורשי־טוב" האָט מען אין שטעטל גערופען "יאַסקעס מיליטער").

דער יסוד פון קולטורעלען רעליגיעזען לעבען איז געווען די אידישע געמיינדע, די אַזוי־גערופענע "קהילה". צו דער אַבערטינער קהילה האָבען אַ חוץ די אַבערטינער אידען געהערט אויך די אידען פון די אַרומיגע דערפער, וועלכע האָבען געהערט צום אַבערטינער געריכטס־קרייז, ווי: באַלאַהעריוקע, האנטשארוב, דזשורקוב, יאַקובובקא, זשוקיף, האורילאק, טשאַרטאָוויעץ, האראסימאוו, ניעזוויסש, לוקי, אוניזש, וואראנאָוו, ראַקאָוויעץ, סעמענואווקע, זאבאָקארוק, זזשוואוטשעוו, איסאַקאָוו און פּיאָטראָוו.

די גרעסטע צאָל דאָרפס־אידען, וועלכע האָבען געהערט צו דער אַבערטיגער קהילה, האָט געוואוינט אין שטארטאָוויעץ, דזשורקוב, זשאוואטשאוו און פּיאטראָוו. די קהילה פאַרוואַלטונג איז געווען אַ געוויילטע. דער ראש הקהל איז אין דער גאַנצער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער צווייטער, געווען יוסף אודעלסמאַן. פון קהל פאָנדען האָט מען אויסגעהאַלטען דעם רב, די שוחטים, דעם סעקרעטאַר און טיילוויז דאָס באָד (די מקוה), און דעם בית־עולם. דער אונקונפט פון קהילה פאָנד איז באַשטאַנען פון דעם שכר שחיטה, דאמעסטיקאל שטייערען פון אידען, שכר פאַר פלעצער אויפ׳ן בית הקברות, וועלכען מען האָט גענומען ביי רייכערע אידען.

אין די יאָרען פון 1918־1939 האָבען עקזיסטירט חדרים אין וועלכע ס׳האָבען באַקומען אַ רעליגיעזע ערציאונג קינדער פון פאַרמעגליכערע על־טערען, און פאַר אָרימערע האָט עקזיסטירט אַ תלמוד תורה, וועלכען מען האָט אויפגעהאַלטען על־פּי־רם פון גוטוויליגע שפענדען פון אַלע אידען פון שטעטל.

קיין העכערע אידישען שולען איז נאָכ׳ן יאָר 1918 אין אַבערטין נישט געווען. אַ געוויסע צייט האָט געגעבען לעקציעס פון "תנ"ך" דער באַוואוסטער "תנ"ך"־קענער שלום עלענבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון בוטשאַטש. ישיבה בחורים זיינען געווען צוויי אין אבערטין. דעם רב שאַפּיראָ׳ס זון, וועלכער האָט געענדיגט די סטאַניסלאַווער ישיבה, און דעם שוחט׳ס, הערצל פּערל־מוטערס זון, וועלכער האָט די ישיבה נישט פאַרענדיגט. אַ געוויסע צייט איז געווען טעטיג אַ העברייאישע שול, געגרינדעט דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין אַלגעמיין זיינען די אידען אין אבערטין געווען רעליגיעז. זיי האָבען געהאַט אַ שול, געמויערט פון שטיינער, פון אַ 200 יאָר צוריק, אַ אָרימע, אָבער ציכטיג ערהאַלטען. אויף די ווענט אינעווייניג זיינען געווען געמאָלען מיט אויל־פאַרב געגוג אָריגינעל און אַרטיסטיש פאַרשידענע ביבלישע סצענעס. אין 1925 האָט מען די שול רעמאָנטירט. אַ חוץ דער שול זיינען געווען אין אבערטין פאָלגענדע בתי־מדרשים: "דאָס נייע שולעכעל",

"דאָס שניידערשע שולעכעל", אַ שולעכעל א. נ. "נר תמיד", "דאָס גוואזדיעצער שולעכעל",ביים רב איז געווען אַ כסדר'דיגער מנין, דער אַזוי־גערופענער: "דעם רב'ס מנין", און יעדעס יאָר איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אַ מנין פון "די דייטשען", וואו ס'האָבען געדאַוונט ראש השנה און יום כפור די אידישע אינטעליגענץ. אין די וואָכען האָט מען אַמייסטען געדאַוונט אין "נייעם" און אין "גוואזדיעצער" שולעכלעך, וואו ס'פלעגען אינדערפרי זיין צו אַ פּאָר מנינים. ביים רב האָבען געדאַוונט מער פרומע אידען, לערנערס, און ווייל אַזוינע זיינען אין אבערטין געווען זייער ווייניג, דעריבער איז אויך דעם רב'ס מנין געווען אַ קליינער. אָבער ימים נוראים האָט דער רב געדאַוונט אין דער גרויסער שול, צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער, כדי צו אונטערשטרייכען זיין פאַרבינדונג מיט'ן פאָלק פאַר וועלכען ער איז מתפלל. דערפאַר איז אויך די גרויסע שול אין די ימים־טובים געווען איבערפולט.

פון 1919־1939 זיינען געווען געגוג ענערגישע גבאים, וועלכע האָבען זיך געסטאַרעט פאַר איר, ווי נחמן אָרענשטיין, וועלכער איז היינט אין פּאַלעסטינע און זרח וואכער, וועלכער איז גע'הרג'עט געוואָרען פון די דייטשען אין קאָלאָמייער געטאָ, אין 1942.

אין שול איז געווען אַ זייער שיין געשניצטער ארון־קודש מיט אַ סך ספרי־תורות. אַ גרויסע צאָל זילבערנע עץ־החיים'ס און פיין געשניצטע זילבערנע כתרים פאַר די ספרים, און פיל אַנדערע זאַכען פון גרויסער קינסטלערישער ווערט.

די אידישע באַפעלקערונג, ספּעציעל די עלטערע, האָבען גערען געשענקט ספרי־תורות אין די בתי־מדרשים. דאָס איבערגעבען די תורה אין שול, איז פאָרגעקומען מיט גרויס פייערליכקייט, מיט מוזיק, אונטער אַ חופּה. דער רב האָט געזאָגט אַ דרשה, דערנאָך איז אין שטוב פון די וועלכע האָבען געשענקט דאָס ספר געווען אַ גרויסע שמחה, אַזוי ווי אויף אַ חתונה. מען האָט געגעבען צדקה פאַר אָרעמע און אויף פאַרשידענע וואוילטעטיגע צוועקען.

אין אבערטין פלעגען פון צייט צו צייט קומען "חזנים" און "מגידים", וועלכע פלעגען זאָגען פאַרשידענע דרשות אין דער גרויסער שול, און אויף וועלכע ס'פלעגען זיך צוזאַמענקומען אַלע אידען. געצאָלט האָט מען די חזנים און מגידים מיט געלד פאַר פאַרקויפטע עליות און גוטווילינע שפענדע פון דער באַפעלקערונג.

אבערטין איז געווען דאָס וואוינאָרט פון רב, וועלכען קהל האָט אויסגעהאַלטען, און וועלכער האָט אין אַ גרויסער מאָס באַקומען שטיצע פון אידישען רעליף אין ניו־יאָרק. פון 1918 ביז 1942, דאָס הייסט ביז דער פאַרניכטונג, איז געווען רב אין אבערטין ר' אברהם שאַפּיראָ זצ"ל. פון צייט צו צייט פלעגען קומען קיין אָבערטין רביים פון אַרומיגע שטעט און שטעטלעך, ווי פון: גוואָזדזיעץ, אָטיניע, סטאַניסלאָוו א.א. אַממיינסטען אָנגעזען איז געווען דער

גוואָזדזיעצער רבי, וועמענס הויפּט חסידים זיינען געווען נחמן ארענשטיין און משה הערש זאַרגער, ביי וועלכע דער רבי פלעגט זיך אויפהאַלטן. אַ סך אַנהענגער האָט דער רבי געהאַט צווישען די בעלי־מלאכות, ווייניגער צווישען סוחרים. דעם רבינ׳ס מקום־קדוש איז געווען ״די גוואָזדזעצער שולכעל״. דער רבי פלעגט זיך פאַרהאַלטען אין אבערטין אַ וואָך, און פלעגט אַרויספירען פון זיינע חסידים און סימפּאַטיקער אַזויפיל פדיונים, אַז ס׳האָט געקלעקט פאַר צוויי־דריי חדשים, אויף אויפצוהאַלטען די משפחה.

אין 1930־1931 האָט אין אבערטין זיך באַזעצט אַ רבי ״ר׳ חנינה״, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס אַ מיטגליד פון די בעלזער רביים, די רוקחס. ער האָט געוואוינט אין הויז פון איתמר שנייד. פון אָנהויב האָט ער צוגעצויגען צו זיך אַ גרויסע צאָל בעלי־מלאכות און פערד־הענדלער. די חסידים האָבען זיך אָבער איבערצייגט אַז זיין פרומקייט איז אַ פאַרמעלע, וועלכע באַשטייט נאָר אין אָבריכטען פרייטאג־צונאַכט און שבת ״אַ טיש״ מיט זמירות, אויפ׳ן חשבון פון די בעלי־בתים, און נישט זעענדיג אין גאָרניט אים איבערמענשליכעס און נאָך וויניגער געטליכעס, האָבען זיי צוביסלעך אים אַלע פאַרלאָזען, אַזוי אַז ער האָט געמוזט פון אבערטין אַוועקפאָרען.

נאָך 1918 איז ביים רב אידען דער גלויבען אין רביים פאַרשוואונדען, ווייל נאָר איינציגע אידען פלעגען אַרויספאָרען צו זייער רבי קיין טשאָרטקאָוו אָדער סטאַניסלאַוו, דער פאַר איז אויך נישט פאַרגעקומען קיין קאַמפען צווישען פאַרשידענע צדדים, אַנהענגער פון רביים, ווי ס׳איז געווען ביזן 1918טען יאָר, ווען צוויי ״פּאַרטייען״ האָבען זיך געשפּאַרט ביי אויפנעמען אַ שוחט. ס׳איז דערגאַנגען דאמאלסט צו מסירות, געשלעגען, געריכט־פּראָצעסען. דערפאַר איז אויך דאָס אויפנעמען אַ נייעם שוחט נאָכ׳ן 1918טען יאָר דורכגעגאַנגען שטיל און רוהיג.

די אידישע באַפעלקערונג אין אבערטין האָט געהאַלטען אירע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. קיין אַסימילאַציע איז נישט געווען. מען האָט אָבגעהיט כשרות, שבת איז געווען אין אַלגעמיין דער רו־טאָג. די געשעפטען און אַרבייטס־וואַרשטאַטען זיינען געווען פאַרמאַכט, אַפילו די אידישע ראַזירשטובען זיינען געווען געשלאָסען, אין דער צייט, ווען אין אַרומיגע שטעט און שטעטלעך, האָט מען שבת געאַרבייט.

אַ סך יאָרען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין אבערטין אָנגעהאַלטען דער מנהג, אַז דער שהמש פון שטאָט, נחום בארגער, פלעגט פרייטאג פאַרנאַכט, אַרומלויפען איבער די גאַסען פון שטעטעל, און רופען ״אין שול אַריין״, געדופען צו פאַרמאַכען די קלייטען און גלייכצייטיג האָט עס געהייסען אַז ס׳דערנענטערט זיך דער שבת. ווען זיין שטעלע האָט איבערגענומען דער איידעם זיינער, ישעיהו שעכטער, פלעגט ער אויך פרייטאג אינדערפרי, אַרומגיין איבער דער שטאָט און רופען די אידען ״אין באָד אַריין״, אויסלאָזענדיג די ווערטער ״אין שול אַריין״. דאָס איז דערפאַר, ווייל

דער נייער שמש האָט אין אַ גרויסער מאָס אויף אייגענע קאָסטען אָנגעפירט דאָס באָד און וועלענדיג די קאָסטען דעקען, האָט ער געמוזט קימערען זיך וועגען אַ סך קליענטען. דער איינציגער באָד אין שטעטעל איז געווען דער אידישער. ער איז געווען גוט איינגעריכטעט, אַ חוץ אַ מקוה, זיינען אויך געווען דושען, פּאַרביעס און וואַנעס. פאַר קליינעם געצאָלט, האָט געגאָסטען

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אידען אין אבערטין, האָבען נאָך דער מלחמה נישט געטראָגען קיין קאַפּאָטעס, און "שטריימלעך" האָט מען געקאָנט זען שבת, נאָר אויף אַ צען פּערזאָנען ד.ה. דער רב, דער שוחט, דער שמש, און נאָך עטליכע עלטערע אידען. דערפאַר אָבער האָט זיך ביז 1939טען יאָר אויפ־געהאַלטען דער מנהג פון שטעלען חופּות ביי דער גרויסער שול. די חתן־כלה פלעגט מען מיט מוזיק פירען צו דער שול, וואו דער רב אָדער דיין פלעגען געבען חופּה וקדושין. דערנאָך פלעגט מען מיט אַזוי־גערופענעם "מצווה־טענצעל" איבער די גאַסען, אָבפירען די געסט און חתן־כלה צו דער כלה׳ס היים. דאָרט פלעגט פאָרקומען די סעודה און טענץ. די אידישע חתונות פלע־גען אַלע מאָל זיין פייערליכע, מיט טענץ, מוזיק, סעודות, און האָבען זיך געצויגען די גאַנצע נאַכט, אונטער די טענער פון דער אידיש־פוילישער קאַפּעלע, וועמעס דיריגענט ס׳איז געווען דוד בערנהויט ע״ה. אַמאָל פלעגט מען ברענגען אויף אַ חתונה מוזיק פון קאַלאָמיי, אָדער אַ מאַרשאַליק (אַ בדחן), וועלכער איז אין אבערטין גופא, נאָכ׳ן 1918טען יאָר נישט געווען.

ס׳איז געווען אויך אין אבערטין אַ "חברה קדישא". איר פרעזעס איז כמעט ביז צו ערד מלחמה געווען שמעלקע הונדערט ע״ה. די אויפגאַבע פון דער חברה איז געווען, בקור־חולים, נעכטיגען ביי קראַנקע, ווען דאָס איז געווען נויטיג, העלפען מאַכען לוויות, קויפען תכריכים פאַר אָרימע בר־מנן׳ס, באַגלייטען דאָס מת אויפ׳ן בית־עולם. געלד צו דעם צוועק, האָט מען גענומען פון גוטוויליגע שפענדען פון די מיטגלידער, און אויך פון די סומעס, וועלכע ס׳האָבען געצאָלט די משפחות פון רייכערע בר־מינן׳ס, לויט אַ פאַרשטענ־דיגונג פון דער חברה מיט דער קהלה־פאַרוואַלטונג. די צאָלונגען האָבען אַמאָל אויסגעמאַכט אַ פאַר הונדערט דאלאר. דאָס געלד פלעגט פאַרווענדעט ווערען ס׳רוב אויף אויסהאַלטען דעם בית־עולם, דערהאַלטען אין אָרדענונג די קברים, אַרומצוימען דאָס הייליגע אָרט און א.וו. די "חברה קדישא" האָט זיך אויך צוגעאייגענט דאָס רעכט פון צוקלייבען פלעצער פאַר בר־מנן׳ס, לויט זייער אָבשטאַמונג, שטעלע, פאַרמעגען, האָבען זיי באַקומען בכבוד׳יגע פלע־צער און האָט אויך אַכט געגעבען אַז אַ מאָדערנער מענש, זאָל חלילה נישט באַקומען קיין פלאַץ צווישען "די שיינע אידען", אַלץ זאָל זיין ווי ס׳געהער: מיוחסים אונטער מיוחסים, בעלי־בתים אונטער בעלי־בתים, און בעלי־מלאכות אונטער בעלי־מלאכות. און אַזוי איז שוין געווען, אַז אַפילו נאָכ׳ן טויט, האָט מען געטיילט אויף סאָציאַלע קלאַסען.

אַ פאַקט איז אַז די אבערטינער אידען זיינען וועניג באַקאַנט געווען מיט וועלטליכער לערע, און האָבען אויך וויניג איניציאַטיוו אַרויסגעוויזען כדי

זיי צו ערהאַבערן. ביז אין 1914טען יאָר איז געווען אין אבערטין אַ "באַראָן־הירש" שול, אין וועלכער די לערער און שילער זיינען געווען אידען. די שול איז געווען גוט איינגעאָרדענט. אַ חוץ וועלטליכע למודים, האָט מען געלערנט אידיש, העברייאיש לייענען, רעליגיע, אידישע היסטאָריע, חומש, תנ"ך און א.וו. פון די פאָנדען פון באַראָן־הירש שול, האָט מען די קינדער, די אָרעמערע, געפלעגט און אָנגעטאָן, און נאָכ'ן פאַרענדיגען די שול, האָט מען זיך באַמיט איינצואָרדענען די געוועזענע תלמידים אין אַרבייטס־וואַרשטאַטען, כדי זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייטען, זיך אויסלערנען אַ פאַך. די שוץ פון שול קוראַטאָריום האָט געזאָרגט פאַר די שילער ביז זיי האָבען געענדיגט די לער, ד.ה. אַז זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט זיך שאַפען אַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ. נאָכ'ן 1918טען יאָר איז די באַראָן־הירש שול נישט רעאַקטיווירט געוואָרען צוליב געלד מאַנגעל, נישט קוקענדיג אויף די ענערגישע באַמיאונגען פון איר טיכטיגען דירעקטאָר אברהם לילקער. (אברהם לילקער איז אָוועקגעפאָרען אין יאָר 1921 קיין לאָדזש און געווען אָנפירער פון אַ אידישער שול. ער איז געשטאָרבען פאַר דעם יאָר 1939 און זיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ). דערפאַר אויך זיינען די אידישע קינדער נאָכ'ן 1918טען יאָר געגאַנגען אין אַ געמישטער אַלגעמיינער שול, וועלכע איז צוערשט געווען אין בנין פון דער באַראָן־הירש שול און דערנאָך אין דער ניי־אויסגעבויטער, געננג גרויסער שול, פונדירט פון דער אבערטינער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, וועלכע איז אין רוב גרופירט אין אידישען אבערטינער רעליף אין ניו־יאָרק. נאָכ'ן פאַרענדיגען די אַלגעמיינע שול האָבען די עלטערען איבערגעגעבען די קינדער לערנען אַ פאַך אָדער זיי געלאָזען אין דער היים אַלס מיטהילף ביים האַנדעל אָדער ערד־אַרבייט, אָדער געלאָזט זיי אָן שום באַשעפטיגונג. צו דעם האָבען גורם געווען פאָלגענדע סיבות:

1. דאָס באַגרענעצען די מעגליכקייטען פאַר העכערע בילדונג פאַר אידען אויפ'ן מלוכה חשבון, דורך די דאַמאָלסטדיגע מלוכה אָרגאַנען (נומערוס קלאוזוס);

2. דאָס, וואָס אויפן אָרט זיינען נישט געווען קיין מיטעל־שולען, קיין גימנאַזיעס, פאַך־שולען א.א.;

3. די שלעכטע קאָמוניקאַציאָנס פאַרבינדונג מיט די מקומות, אין וועלכע ס'האָבען זיך יאָ געפונען מיטעלשולען;

4. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז על פי רוב געווען אַ נישט פאַרמעגליכע, און האָט זיך נישט געקאָנט ערלויבען צו ערהאַלטען די קינדער אַ חוץ זייער היים;

5. שוואַכע פאַרדינסטען פון געבילדעטע פאַכלייט נאָכ'ן יאָר 1918, ספּעציעל פון אידען; זיי האָבען זיך געשטיקט אין דער אַדוואָקאַטור אָדער מעדיצינישע פאַכען. מלוכה־פּאָסטענס זיינען פאַר אידען געווען שווער צוגענגליך;

6. ווייניג פאַרשטענדעניש פאַר וועלטליכער לערע און קולטור.

דערפאַר זעען מיר אויך, אַז פאַרמעגליכע אידען, וועלכע האָבען געקאָנט ערציען די קינדער אין אַ מיטעלשול האָבען די מעגליכקייט פאַרנאַכלעסיגט. דערפאַר אויך, האָבען אין צייט פון 1919 ביז 1939 נאָר צוויי פערזאָן געענדיגט העכערע בילדונג און ד.א. איזי שפערבער, דער זון פון פייוועל שפערבער, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען דאָקטאָר מעדיצין אין פראַנצויזישען אַפריקע און דוד לעפצעלער (דער זון פון נתן לעפצעלער) אַ דאָקטאָר אין אבערטין, וועלכער איז פון קאַלאָמייער געטאָ אין 1942 אומגעקומען אין שור־פאַראָוויץ פון די היטלעריסטישע מערדער.

די אבערטינער אידען האָבען פאַרנומען פון זיידען און עלטער זיידען דעם צענטער פון שטעטעל, וואו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט דער האַנדעל, און אויך די הויפט־געסלעך, וועלכע האָבען געפירט פון צענטער. מערסטענטייל האָבען די אידען געהאַט אייגענע הייזלעך, וועלכע זיינען כמעט אינגאַנצען חרוב געוואָרען אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אַ דאַנק דער הילף פון אַמעריקאַנער קרובים, ווידער אויפגעבויט געוואָרען. די הייזלעך זיינען מערסטענטייל געווען איין־משפחה'דיגע, געבויט פון האָלץ, און ס'רוב געדעקט מיט בלעך. גרעסערע הייזער איז געווען גאָר ווייניג. אין גאַנצען שטעטעל איז געווען איין־און־איינציג געמויערט הויז, וועלכעס האָט געהערט צו דוד יוסף זארגער ע"ה.

קיין גרעסערע אינדוסטריע איז אין אבערטין נישט געווען, בלויז צוויי מאָטאָר־מילען,ביידע פון אידישע אייגענטימער, ווי: פראַקאַצימער יוסף און שותפים און פראָוויזאָר סאלאָמאָן און שותפים. אויך דריי אידישע אונטער־נעמונגען צו איבעראַרבייטען אויל האָבען עקזיסטירט. די אבערטינער אידען האָבען פאַרמאָגט אין משך פון דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה ביי אַ 700 מאָרג פעלד. זיי האָבען גע'שמ'ט פאַר גוטע ערד־אַרבייטער און האָבען מערסטענטיילס באַאַרבייט דאָס פעלד אַליין. דער האַנדעל איז געוואָרען וועניגער רענטאַבל, האָט מען געקויפט ערד, און אַליין זי באַאַרבייט.) די ווערט פון דעם פאַרניכטעטען בשעת די קריגס־טעטיגקייטען אידישע פאַר־מעגענס, קען מען שאַצען אויף אַן ערך פון אַנדערטהאַלבען מיליאָן דאלאר.

די עמיגראַציע פון די אבערטינער אידען נאָכ'ן יאָר 1918, איז געווען גאָר אַ קליינע. אין דער צייט ווען ביז'ן 1914טען יאָר איז די עמיגראַציע ביי אידען, בפרט אין די בעלי־מלאכה'שע קרייזען געווען אַ זייער אינטענסיווע, איבערהויפט אין די לענדער פון אַמעריקע, איז אין משך פון 1919 ביז 1939, אַרויסגעפאָרען בלויז העכער צען פערזאָן קיין אַמעריקע, און אויך עטליכע צענדליק פערזאָן קיין פאַלעסטינע, און נאָר איינצעלנע מענשען זיינען אַרויס־געפאָרען קיין דייטשלאַנד.

די אָבערטינער אידען האָבען געהאַט אַגענוג גרויסען איינפלוס אויף דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט פון שטעטעל, בילדענדיג אין דער צייט פון

דעם ערשטען ביז'ן צווייטען וועלט־קריג מער ווי אַ דריטעל פון דער באַפעל־קערונג פון שטעטעל. אייך דריטעל פון שטאָט־ראַטמענער זיינען געווען אידען. דער וויצע־פּרעזעס פון שטאָט און אסעסאר זיינען אויך געווען אידען. האָבענדיג צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג די מערהייט אין שטאָט־ראַט, האָבען זיי אָפט געקענט זיך פאַרטיידיגען געגען אָננעמען באַשלוסען וואס האָבען זיי געקענט קריוודען, און צו וועלכע די אוקראַינישע באַפעלקערונג האָט אָפט געשטרעבט, ווי צום ביישפּיל, דער ענין וועגען אויפהאַלטען דאָס געריכט אין אבערטין.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבען פון די אידען ביז'ן יאָר 1939.

די אבערטינער אידען האָבען נאָכ'ן היטלער'ס קומען צו דער מאַכט, — באַהערשט פון אַ שווערען פאַרגעפיל, ווי בכלל די אידען פון גאָר דער וועלט, — זיך אָפּגעגעבען אַ גענויען דין וחשבון פון די שווערע וואָלקענס, וועלכע ציִען אָן, נאָכ'ן פאַלען פון דייטשען צווייטען רייך. דערפאַר אויך, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אין אָנהויב פון דער היטלער מאַכט געוואָרפען אַ לאָזונג צו באָיקאָטירען דייטשע סחורות, און פאָלגענדיג אויך דעם אויפרוף פון אידישע פּאַרטייען, האָבען אידען, מיט אַ געפיל פון שווערען ווייטאג, צוליב אומגלויבען אין ערפאָלג, זיך אָנגעשלאָסען אין דער באָיקאָט־אַקציע פון דייטשע סחורות. די רעגירונג פון פּילסודסקי האָט אָבער אין אַ קורצער צייט דערנאָך, געשלאָסען אַ נישט־אַגרעסיע פּאַקט מיט דייטשלאַנד, און אין דער צייט ווען אַ געוויסע טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג איז געווען צופרידען פון דעם אַקט, און הויפּטזעכליך די אָנהענגער פון א.ג. "אָזאָן", וועלכע האָבען באַטראַכט דעם היטלעריסטישען אידען־פּראָגראַם פאַר אַ היסטאָרישער גערעכטיגקייט, און האָבען אַפילו, אָנגעהויבען איינפירען אין לאַנד היטלעריסטישע ביישפּילען אין געזעלשאַפטליכען און אין עקאָנאָמישען לעבען, ווי די עקאָנאָמישע אונטערדריקונג, (די באַקאַנטע ווערטער פון געוועזענעם פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי אין סיים, אַז: שלאָגען פיזיש אידען טאָר מען נישט, אָבער עקאָנאָמיש, ביטע) דאָס פאַרבאָטען פון ריטועלער שחיטה, דאָס טאָלערירען די עקסטערמינאַציעס פון אידישע סטודענטען אויף די אוניווערסיטעטען, דאָס באַזייטיגען אידען פון רעגירונגס־פּאָסטענס, האָט געבראַכט דערצו, אַז די אידען אין שטעטעל האָט אַרומגעכאַפּט אָן אימה, וועלכע האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט דורך היטלער'ס סוקצעסען אין סאַאַר־געביט, דורכ'ן אָנשלוס פון עסטרייך און דורך דער צעטיילונג פון דער טשעכאָסלאָוואקיע. מען האָט געוואוסט, אַז מיט יעדען טאָג דערנענטערט זיך די קאַטאַסטראָפע. אַ סך האָבען געקלערט וועגען עמיגראַציע, אָבער וואוהין? קיין מערב — דאָרט איז היטלער, מזרח — רוסלאַנד, קען מען נישט, קיין ארץ ישראל קען מען אויך נישט, מען דאַרף סערטיפיקאַטען און געלד; וועלכעס מען האָט אין אַלגעמיין נישט געהאַט, און וואס אמת, ס'האָט זיך נישט געוואָלט צושיידען מיט דער ערד אויף וועלכער מען האָט געלעבט פון דור דורות. דער פּחד איז אַלץ גרעסער געוואָרען, סיי דורך די ידיעות פון דייטשלאַנד, סיי פון די

לענדער וועלכע זיינען אָקופּירט געוואָרען דורך די דייטשען, און וואָס אָפּטער האָבען אָנגעהויבען קומען אידישע גרושים פון דייטשלאַנד אין זייערע אַלטע היימען. די פּליטים האָט מען געהאָלפען, וואו מען האָט נאָר געקאָנט, צאָלענ־דיג פאַר זיי אָנגעזעענע סומען געלד.

---

## 3. די געשיכטע פון די אבערטינער אידען אין דער צייט פון זייער געפונען זיך אונטער דער מאַכט פון ראַטן-פאַרבאַנד פון 17טען נאָוועמבער 1939 ביז יולי 1941

דעם 1טען סעפּטעמבער 1939 האָט פּלוצלינג זיך אָנגעהויבען די פּויליש־דייטשישע מלחמה. מען קאָן זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ דערשלאָגענקייט ס׳האָבען אַרויסגערופען די ידיעות פון פראָנט, וועגען דעם פאַרגיין פון די דייטשען, וועגען זייער דערנעענטערען זיך צו אונזער שטעטעל, איבערהויפּט, ווען אין אַ וואָך נאָכ׳ן אָנהויב פון קריג האָבען דורך אבערטין אָנגעהויבען פאַרבייגיין פּוילישע זעלנער, איינציגע, צעשלאָגענע, אין אומאָרדענונג, מיט כלי־זין און אָן כלי־זין און צוזאַמען מיט זיי אַ סך פּליטים, וועלכע זיינען געגאַנגען צו דער רומענישער און אונגאַרישער גרעניץ. אידען זיינען גע־וואָרען אומרוהיג, האָבען נישט געשלאָפען, נישט געגעסען, נישט געטרונקען. מען האָט אָבגעהאַלטען עצות, זיך געגרייט צו אַנטלויפען. און דאָ קומען אָן מחנות אידען, אַנטלאָפענע פון די מערב שטחים פון פּוילען, און אויך פון די געגענטען פון סטאַניסלאַוו, סטרי, דראָהאָביטש, א.א. שטעט, און צווישען זיי אויך אַזעלכע, וועלכע דערציילען, אַז זיי קומען צוריק פון דער פּויליש־רוסישער און פּויליש־רומענישער גרעניצען, ווייל זיי זיינען פאַרמאַכטע. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען די פּאַניק, וואָס האָט באַהערשט אַלע אידען.

אין דער צייט ווען די פּוילישע באַפעלקערונג, אַפילו דערשלאָגען פון דער מפּלה, אָבער נישט האָבענדיג מורא פאַר ראַסען־דיסקרימינאַציע, האָט געוואַרט אויף דעם ווייטערדיגען גורל אין לויף פון געשעענישען מיט אַ געוויסער רוהיגקייט, האָט די אידישע באַפעלקערונג איבערגעלעבט טראַ־גישע טעג.

די אידישע פּליטים האָט מען באַזעצט ביי פאַרשידענע משפחות, די פּוילישע פּליטים האָבען צוזאַמען מיט׳ן מיליטער אָבגעצויגען צו דער אונ־גאַרישער און רומענישער גרעניץ, וועלכע זיינען פאַר אַ קורצע צייט גע־וואָרען געעפענט.

דעם 17טען סעפּטעמבער, זייגער 11 פאַרמיטאָג, זיינען אַריין אין שטע־טעל די פאָדער־פּאָסטענס פון דער רויטער אַרמיי. די אידען, אויסגעמוטשעט פון די לעצטע איבערלעבענישען, האָבען אויפגענומען די רויטע אַרמיי מיט גרויס פרייד, איבערהויפּט ווען די רעדנער האָבען באַלד אין מיט׳ן שטאָט

באַקאַנט געמאַכט, אַז אין ראַטען־פאַרבאַנד זיינען אַלע בירגער, אָן אונטער־שיד פון אָפּשטאַמונג, ראַסע און נאַציאָנאַליטעט גלייכבאַרעכטיגטע און פולע בירגער.

דאָס שנעלע איינפירען פון דער באָלשעוויסטישער אָרדענונג, איז דורכ־געגאַנגען אין אונזער שטעטל אָן גרויסע ערשיטערונגען, דערפאַר ווייל אין שטעטל זיינען קיין רייכע אידען נישט געווען.

די גרויסע מאַסען פון בעלי־מלאכות, פּראָלעטאַריער, קליינהענדלער, האָבען זיך איינגעאָרדענט אַ באַשיידען לעבען, אַרבייטענדיג הויפּטזעכליך אין די אָרגאַניזאַצירטע, דורך דער ראַטען־מאַכט, מלוכה׳שע און אויך קאָ־אָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, אָדער פאַרדינענדיג אויף אַן אַנדערען אופן. די קהילה איז זיך צעפאַלען, די "פּאַראיינען" זיינען פאַרשווינדען. ס׳האָט אָבער עקזיסטירט פרייהייט פון רעליגיע. אידען האָבען זיך אויסגעהאַלטען דעם רב, דעם שוחט, זיינען געגאַנגען דאַווענען אָן שום שטערונגען מצד דער ראַטען־מאַכט. מען האָט געאַרבייט אומעטום, לויט די פייאיגקייטען און לויט דעם פאַך.

פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל זיינען די אידען געווען פאַרטראָטען דורך זייערע פאָרשטייער אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגס־אינסטיטוציעס, אין געמיינדע, ראַיאָנישען ראַט און ראַיאָנישען אויספירקאָמיטעט. אָן שום שטערונגען האָט מען אידען אָנגענומען אין שולען. די אָרעמערע און פייאיגערע שילער האָבען באַקומען מלוכה־סטיפּענדיעס, כדי זיי ערמעגליכען דאָס לערנען אין די האָכ־שולען.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך אויפגעפירט די אוקראַינישע באַפעלקערונג, און אי־בערהויפּט די נאַציאָנאַליסטישע, וועלכע האָט אויפ׳ן אָרט פּראָקלאַמירט אַ "זעלבסטשטענדיגע אוקראַינישע רעפּובליק" פון מערב אוקראַינע, אויסוויי־לענדיג איר פאַרוואַלטונג. די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע הערשאַפט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, די ראַטען־מאַכט האָט שנעל צעטריבען זייער טרוים וועגען זעלבסטשטענדיגקייט, זי האָט אויסגעוועלט אַ נייע פאַרוואַלטונג, אין וועלכער ס׳זיינען אַ חוץ אוקראַינער, אויך אַריין פאָליאַקען און אידען, און דער ערשטער פאָרזיצער איז געוואָרען אַ איד מיט׳ן נאָמען משה ראָזענ־שטאָק, אַ אַדוואָקאַטס־קאַנדיפּיענט אין אַבערטין, באַקאַנט פון זיינע לינקע איבערציייגונגען, וועלכער האָט געשטאַמט פון סניאַטין.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען, ווי אָבגעגאָסען מיט אַ עמער קאַלט וואַסער, האָבען זיך דורכגעווישט די אויגען, און כאָטש די ראַטען־מאַכט, האָט, ווי אומעטום אין מזרח קליין־פוילען, געגעבען אָבגעגעבען פאָסטענס אוק־ראַינער, אָפילו נאַציאָנאַליסטען, באַנוצענדיג דערצו פאַרשידענע מעטאָדען, האָבען דאָך די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען גערופען דער אוקראַינישער באַ־פעלקערונג אָפען און געהיים, צו באָיקאָטירען די ראַטען־מאַכט. און וואָס מער

מען האָט זיי געצוואונגען צו אַרבייטען אין מלוכה־אַנשטאַלטען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען דער באָיקאָט. די נאַציאָנאַליסטען האָבען אויסגעפירט אין אַ סך פאַלען דיווערסיאָן־אַקטען, שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד, דאָרט וואו ס׳האָבען עקזיסטירט זייערע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון באַנדע־ראָווצעס, קוביעוויטשעס א.א. באַלד אויך, נאָכ׳ן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי, האָט אַ געוויסער טייל פון דער אוקראַינישער אינטעליגענץ, זיך גוט־וויליג איבערגעצויגען קיין דייטשלאַנד, אָדער אויף דעם שטח פּוילען, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די דייטשען. דער טייל אוקראַינער־נאַציאָנאַליסטען, וועלכע איז פאַרבליבען אויפ׳ן פּלאַץ, האָט זייער נישט גערן צוגעזען, ווי די אידען ווערען באַהאַנדעלט מצד דער ראַטען־מאַכט אַלס גרייכבאַרעכטיגטע בירגער, אַז זיי האָבען אַ צוגאַנג צו יעדער אַרבייט, גלייך ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, ווי אויך דאָס, אַז די צאָל פון אידישע רעגירונגס־באַאַמטע האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט אין פאַרגלייך מיט דער צאָל פון דער פּוי־לישער הערשאַפט. די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען, אונטערגעהעצט פון דייטשער אַגיטאַציע, האָבען אָנגעהויבען שפּייען מיט שנאה געגען אידען, און אַפילו פלעגען זיי כלומרשט ״חבר׳יש״ דראָען, אַז פאַר זייער אַרבייט, וועלען די אידען אינגיכען האָבען די געהעריגע באַלוינונג ״ווען אונזערע וועלען קומען״.

די ראַטען־מאַכט האָט זיך אָריענטירט וועגען דער שטימונג וואָס הערשט צווישען די נאַציאָנאַליסטען און האָט אָנגעהויבען רעאַגירען דערויף.

די רעאַקציע פון דער ראַטען־מאַכט האָבען די אוקראַינישע נאַציאָנאַ־ליסטען צוגעשריבען אויפ׳ן חשבון פון די אידען, כאָטש די אידען האָבען בכלל מיט דעם קיין שייכות נישט געהאַט. זעלבסטפאַרשטענדליך, נאָר ווי תמיד און אומעטום זיינען די שולדיגע די אידען. וואָס גרעסער ס׳זיינען געווען היטלער נצחונות, אַלץ גרעסער איז געוואָרען דער האַס פון די אוקראַינער צו די אידען. און דערווייל האָט געוואַקסען די אומרוהיגקייט צווישען אידען. ווייטאָגדיג האָבען די אידען אָבגעפילט דאָס פאַלען פון פראַנקרייך, יוגאָ־סלאַוויע, גריכענלאַנד, ווייל מען האָט זיך גערעכט מיט דער גאַנצער זיכער־הייט, אַז ס׳וועט דערגייען צו אַ קריג צווישען דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און דאַמאָלסט קענען זיי זיין פאַרלוירען.

שטילערהייט, צווישען זיך, האָט מען שטענדיג גערעדט דערפון, איבער־הויפּט, אַז אויפן אָרט האָט זיך אויך געפירט אַ געוויסע שפּאַנונג. מען האָט געזען קריגס פאַרבערייטונגען, ווי בויען לופט־באַזען, דורכמאַרשען פון מילי־טער פון טיף רוסלאַנד און ד.ג.

ליידער זיינען די שלעכטע פאַרגעפילען מקוים געוואָרען. דעם 22טען יולי, 1941, איז היטלער אָנגעפאַלען אויף ראַטען־פאַרבאַנד. אויך איצט איז נישט שווער זיך פאַרצושטעלען וואָס פאַר אַ שטימונג ס׳האָט באַהערשט די אידען, בפרט נאָך די שלעכטע ידיעות פון פראָנט, און נאָך דעם אַז דער אוי־

סערן־מיניסטער מאָלאָטאָוו האָט אין זיין מאַניפעסט אַנגעזאָגט אַ צוריקקער פון דער סאָוועטישער אַרמיי. די אָרטיגע מאַכט איז אויך געווען ערשיטערט פון דעם לויף פון די געשעענישען. מען האָט אַפילו איינגעפירט אין די ערשטע טעג אַ מאָביליזאַציע, און איבערגעזאָגגען אויף קריגס־ווירטשאַפט. נאָר אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ עוואַקואַציע פון דער אָנגעקו־מענער פון רוסלאַנד סאָוועטישער ציווילע באַפעלקערונג, און נאָך איר אויך פון דער אָרטיגער מאַכט־אָרגאַנען.

דער ערשטער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, דימודאָוו, אַ רוס, זייער אַ פיינער מענטש, האָט צוזאַמענגערופען אין מיטן שטאָט אַ מיטינג, און אויפגעפאָדערט אַלע אידען צו עוואַקואירען צוזאַמען מיט זיי אין טיף רוסלאַנד, נישט קו־קענדיג אויף עלטער און געשלעכט. ער האָט צוגעזאָגט געבען יעדען פירען און פּולע שוץ, אַז זיי וועלען קומען אויף אַ זיכערען פּלאַץ. ער האָט געוואָרענט די אידען, זיי זאָלען דאָ נישט פאַרבלייבען, פאַרשטעלענדיג זיי אָפען די לאַגע פון די אידען ביי היטלערן, און פּאַראויסזאָגענדיג, אַז בלייבען הייסט אומקומען.

אַ חוץ עטליכע מאָביליזירטע אין דער רויטער אַרמיי, האָבען זיך נאָך עטליכע פון דער יוגענד עוואַקואירט. דאָס רעשט אידען האָט, ליידער, בעסער געוואָלט בלייבען, מאָטיווירענדיג דערמיט, אַז אין רוסלאַנד דאַרף מען שווער אַרבייטען, אין שווערע באַדינגונגען, ווייט פון דער היים, און אין פאַל פון אָקופּאַציע וואַרט זיי אויך גאָר קיין גוטס נישט, אָבער זיי האָבען געהאָט כלומרשטע ידיעות פון די אוקראַינער, אַז אַרבייטענדיגע אידען טוט היטלער גאָרנישט און לאָזט זיי אין זייערע היימען. די ראַטען־מאַכט בכלל, און דער סעקרעטאַר דעמידאָוו בפרט, האָט געהאַלטען וואָרט, און האָט פּאַקטיש די פּאָר עוואַקואירטע אידען נישט געלאָזען הפקר, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ רוהיגען פּלאַץ, באַזאָרגענדיג זיי מיט פורען, עסענוואַרג און דערנאָך, ווען ס'איז מעגליך געוואָרען האָט ער זיי באַזאָרגט מיט באַן־טראַנספּאָרט ביז אין אַ זיכערען אָרט.

דער דערמאָנטער דימידאָוו איז אומגעקומען בשעת דער קריג. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט אין דער שווערער מלחמה צייט, און דאָס אין אַ צייט, ווען דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט זיך געהאַלטען אין איין צוריקציען.

ליידער האָבען זיך מאַנכע פון די מאָביליזירטע און ציוויל לייט צוריק־געקערט פון וועג און זיי האָבען די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען אונטערוועגס אומגעבראַכט, ווי צ.ב. נחום שור, און די וואָס האָבען זיך צוריקגעקערט ביז אבערטין ווי, בענעם שווימער, גאָלדע קול, די טאָכטער פון שלום שטאַרק און חיים שפּרונג, האָט באַגעגענט דער זעלבער גורל, וואָס אַלע אַנדערע אידען, וועלכע מען האָט דערנאָך צוזאַמענגעטריבען אין געטאָ. נאָר ראובן יונגפרוי (דער זון פון מאיר יונגפרוי) איז געלונגען, אַלס דייטשער געפאַנגענער, אויס־באַהאַלטען זיך אונטער אַ אוקראַינישען נאָמען, אומקערען זיך קיין אבערטין, און דערנאָך אויף אַרישע פּאַפּירען אויסבאַהאַלטען זיך אויף דער טעריטאָריע

פון סאָוועטיש־אוקראַינע, און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס פון דאָרט איז ער אַרויסגעפירט געוואָרען אויף צוואַנגס־אַרבייט קיין דייטשלאַנד, איז ער דאָך געבליבען לעבען.

דער שרייבער פון די שורות איז אין יענער צייט נישט געווען אין אבערטין, ער איז געווען אויף אורלויב, און בשום אופן זיך נישט געקאָנט אומקערען אַהיים, באַלד נאָכ'ן אויסברוך פון מלחמה. וואָלט ער זיך געפינען אין צייט פון עוואַקואַציע אין אבערטין, וואָלט ער זיכער געווען באַאיינפלוסט אַ סך אידען צו עוואַקואירען זיך צוזאַמען מיט אים. צום גרויסען באַדויערען, איז אָבער געשען אַנדערש.

---

## 4. די געשיכטע פון די אידען פון אבערטין ביז זייער פאַרטרייבען אין קאָלאָמייער געטאָ ד. ה. ביזן 14טען אַפּריל, 1942

דעם 1טען יולי 1941, האָבען די רוסען גאַנץ און אַנטגילטיג פאַרלאָזען אָבערטין, צוריקציענדיג זיך דורך ניעזווישטש אין דער ריכטונג פון דעם טייך זברוטש (די אַלטע פויליש־סאָוועטישע גרעניץ).

נאָך דעם אַרויסגיין פון די רוסן איז אַ פּאָר טעג געווען אַ אַנרעגירונגס־צושטאַנד, וועלכען ס'האָבען אויסגענוצט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען און באַלד קאָנסטרואירט זייער "מלוכה" פון אַ נאַציאָנאַליסטישען כאַראַקטער, האָבען אַרויסגערופען אַ זעלבסטשטענדיגע רעגירונג, ווי אין אבערטין אַזוי אויך אין די דערפער. אין אבערטין האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ נייע שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין דער שפּיצע מיט אַ וועטערינער־אַרצט דימיטר אוהרין, וועלכער האָט זיך אָנגערופען בירגערמייסטער און סטאַראָסטאַ אין איין פּערזאָן, און אין דער פאַרוואַלטונג איז אַריין די אָרטיגע אוקראַינישע אינטעליגענץ, פּ[illegible]רמעגליכע פויערים און דער גלח. (קיין פּאָליאַקען און אידען זיינען דאָרט נישט געווען). באַלד האָט מען געשאַפען אַ אוקראַינישע פּאָליציי, דער אָנפירער איז געוואָרען עוועגעניוש קאָוצוניאַק, דער געוועזענער געמיינדע סעקרעטאַר.

נאָכ'ן קאָנסטיטואירען זיך פון דער אוקראַינישער רעגירונג ד. ה. דעם 2טען יולי, 1941, איז פאָרגעקומען אין ניעזוויסקאַ (אַ דאָרף, וואָס ליגט ביים דניעסטער) אַ ספּעציעלער געריכט, וועלכער האָט איינשטימיג באַשלאָסען אומצוברענגען די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין שטח פון ניעזווויסקער זאַמעל־געמיינדע, אַלס נישט־נוצליכער און שעדליכער עלעמענט. צעטיילענדיג זיך אויף באַזונדערע כוליגאַנישע גרופּען, האָבען די אוקראַינישע פאַשיסטען ביי דער נאַכט פון 2טען אויפן 3טען יולי, 1941, באַפאַלען אַלע אידען, אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער אין די דערפער:

ניעזוויסקא, האָראָסימאָוו, לוקי, אוניזש, פּאָדווערביעץ, וואָראָנאָוו, זשאַבאָקרוק, זשובאַטשאָוו און פּיאָטרואוו, און צוזאַמענגעטריבען שלאָגענדיג זיי אומ׳ברחמנות׳דיג אויפן וועג, קיין ניעזוויסקא, צום דניעסטער. דאָ, אונטער דער אָנפירונג פון דר. אַנאַטאָל יורעוויטש, אַ אוקראַינישער מעדיקער פון ניעזוויסקא, וועלכער איז איצט וואַרשיינליך אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ווי אויך דעם דאָרטיגען אוקראַינער גלח גאָוודוניק, האָט מען די עלטערע אידען געבונדען הענט און פיס מיט שטעכיגען דראָט, און די קינדער צוגעבונדען שטיינער צו די בייכלעך און געוואָרפען זיי פון פּאַראָן אין וואַסער אַריין. די אויבען־דערמאָנטע, דער דאָקטאָר און גלח, זיינען די גאַנצע צייט פון דער אַקציע געווען אויפן פאראן, און די אַרבייט האָט דורכגעפירט: קוניקעוויטש פעליקס, דער געוועזענער מילנער פון סאַמועל ראָזענצווייגס מיל אין לוקע, און אַ אוקראַינישער האַלב־אינטעליגענט פון האָראָסימאָוו, אַ געוויסער קרזשיזשאַנאָווסקי.

פון דער דערטרינקונגס אַקציע האָבען זיך אָבגעראַטעוועט צוויי מענשען: די טאָכטער פון ראובן רום פון איסאַקאָוו, און די טאָכטער פון דעם בעקער שוועבער פון ניעזווישטש (אַ קרובה פון הערש הונדערט פון אָבערטין). זיי האָבען זיך געראַטעוועט אויף פאָלגענדען אופן: אָבשווימענדיג אויף אַ געוויסער ווייט פון פאראן, איז זיי געלונגען אַביסעל לויזער מאַכען דעם דראָט פון די הענט און פיס, און איבערשווימען קיין ראקאָוויעץ. דאָ, אָבטרוקענדיג זיך און באַקומענדיג אויבערשטע אויבערשטע מלבושים (ווייל די קרבנות האָט מען אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אין דער בלויזער וועש) ביי פויערים, וועלכע האָבען, ווייזט אויס, נישט געוואוסט וועגען דער אַקציע, זיינען זיי אַוועק קיין האָדאָדענקאָ און דאָרט זיך פאַרשטעקט. דער מחבר באַשרייבט די געשעענישען אויפן סמך פון די דערציילונגען פון פריילין רום פון איסאַקאָוו, וועלכע איז אומקערענדיג זיך פון האָראָדענקאָ קיין אבערטין, געווען ביי אים אלץ פּאַציענטין, אין סעפּטעמבער 1941. זי האָט אויך דערציילט, אַז דער געבונדענער מיט דראָט בנימין זעליג פאַול פון האָראָסימאָוו, אַן עלטערער איד, האָט הויך אויפן קול געזאָגט ווידוי, שטייענדיג אויפן פאראן, און מיט דעם געשריי "שמע ישראל" זיך צעשיידט מיט די מערדער. דעם פאַקט האָבען באַשטעטיקט די ידיעות, וועלכע ס׳האָבען זיך אין דער שטיל איבערגעבען די קריסטען און אויך די אידען.

דעם גוואַלדטאַט איבער די אידען אין ניעזוויסש האָט אין אַ יאָר שפּעטער באַשטעטיגט אַ געוויסער יוזעף גאַוואַנסקי, אין אַ געלעגענטליכען געשפּרעך מיטן שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט געוואָלט זיך פאָרשטעלען אַלס געגנער פון דער דייטשער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק געגען די אידען, און איינצייטיג זיך דערלויבט צו קריטיקירען די אַקציע אין ניעזוויסש אָנווייזענדיג דייטליך אויף דר. יורעוויטש און דעם גלח גאַלודוניק, אַלס איניציאַטאָרען פון דעם מאָרד. די געראַטעוועטע רום, וועלכע האָט נאָך אַ פּאָר טעג זיין אין אַבערטין, אין סעפּטעמבער 1941, זיך דערוואוסט, אַז ס׳זוכט זי די

אוקראַינישע פּאָליציי, כדי זי צו פאַרניכטן, איז אַוועק צוזאַמען מיט איר אומגליקס־פריינדין שוועבער פון ניעזווישטש קיין האָראָדענקאָ, וואו זיי האָבען געטיילט דעם שיקזאַל פון אַלע אידען פון האָראָדענקאָ.

נאָך דער אַקציע ניעזווישטש האָבען די מערדער נישט געקאָנט דורכקומען צווישען זיך וועגען דער צעטיילונג פון דעם פאַרמעגען פון די אומגעבראַכטע אידען, און הויפּטזעכליך די קנאה פון זייטיגע אוקראַינער צו די וועלכע האָבען אויסגעפונען דאָס פאַרמעגען פון דעם דערטרונקענעם שמואל הויזקנעכט אין לוקי, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ גרעסערער סומע דאלארס (אין באַר־געלד), האָט געבראַכט צו אַ מסירה צו דער דייטשער מאַכט, וועלכע האָט פאַראָרדענט אַ רעוויזיע און געפונענדיג ביי דעם אויבען־דערמאָנטען קרזשישזאַנאָווסקי און קוניקעוויטש געווער, האָט זיי געשטעלט פאַר'ן געריכט פאַר באַזיצען נישט קיין רעגיסטרירטעס געווער און פאַר רויבען דייטשע מלוכה־פאַרמעגען. לויט'ן אורטייל פון דייטשען געריכט, זיינען זיי דערשאָסען געוואָרען אין דעצעמבער 1941. אָבער פאַר'ן מאָרד פון די אידען זיינען זיי נישט גע'משפט געוואָרען. בשעת דער דערטרונקונגס אַקציע אין ניעזוויסק, האָבען זיך געראַטעוועט שמואל ראָזענצווייג מיט'ן קינד, פון לויקי, און די טאָכטער פון בערל רום פון לויקי, ווען זיי זיינען אַנטלאָפען צום אָרטיגען גלח און געבעטען ביי אים הילף, וועלכע ער האָט זיי צוגעזאָגט אונטער'ן באַדינג פון שמד, וועלכען זיי האָבען אָנגענומען. טיילווייז אויסבאַהאַלטענדיג זיך, האָבען זיי איבערגעלעבט די קריג־צייט.

דעם גורל פון די אידען איז ניעזוויסק האָבען געזאָלט טיילען די אידען פון אבערטין און פון די איבעריגע דערפער, וועלכע האָבען געהערט צו דער אָבערטינער געמיינדע. מען האָט געציטערט פאַר שרעק, ריכטענדיג זיך דעם צווייטען טאָג נאָך די געשעענישן אין ניעזווישטש אויף אַ שחיטה אין אבערטין. מען איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַר'סמט, איינצעלנע האָבען פאַרלאָזען די שטאָט, באַהאַלטענדיג זיך אין פעלד, אַנדערע האָבען זיך באַהאַלטען אין די קעלערס און נאָך אַנדערע ערוואַרטענדיג דאָס ערגסטע, האָבען מיט העק און פעק און אַנדערע כלים, געוואַרט אויפן שונא. ס'האָט זיי אַפילו באַרואיגט דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי, עוועגעניוש קאָווצוניאַקי, נאָר מען האָט אים ניט געטרויט. און ריכטיג, אונטערן דרוק פון די כוליגאַנען פון ניעזוויסק, איז צוזאַמענגערופען געוואָרען דער "נאַציאָנאַל־ראַט" פון אבערטין, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס, אומצוברענגען די אידען פון אונזער שטעטעל דעם 3טען יולי 1941. אויף דער זיצונג איז נישט געקומען דער אָרטיגער גלח הראַבעץ. בשעת דער באַראַטונג, האָבען אַרויסגעטראָטען געגען דעם פאַרשלאַג צוויי פּערזאָן ד. א. מיכאַיליוק, דער אָנפירער פון דער אוקראַינישער מילכעריי, און הויפּטזעכליך קאָווצוניאַק, וועלכער האָט געדראָעט אַרויסצוטרעטען מיט געווער געגען יעדען, וואָס וועט זיך וואַגען נעמען אנטייל אין דער אַקציע, מאָטיווירענדיג דערמיט, אַז די אידען־פראַגע דאַרף געלעזט

ווערן דורך דער דייטשער מאַכט, וועלכע וועט אין די נאָענטסטע טעג קומען און זיי, די אוקראַיניער, זיינען נישט קאָמפּעטענט אויף אייגענע האַנט גאָר־ניט צו טאָן. אַזאַ באַשלוס איז אויך אָנגענומען געוואָרן. דערפאַר אויך איז צו יענער צייט קיין שום אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונג אין אבערטין נישט פאָרגעקומען. די כוליגאַנעס האָבן געפּרוּווט מאַכן אומרוהען אין טשאָר־טאָוויעץ און אין ראַקאָוויעץ, נאָר די אָרטיגע גלחים האָבן זיך געגענגע־שטעלט.

אין צווישען צייט זיינען דעם 9טען יולי 1941, אָנגעהויבען קומען קיין אבערטין די אונגאַרישע פּאַרפּאָסטען, און אַלס קאָמענדאַנט פון שטאָט איז געוואָרען אַ מאַדיאַר, אויסער דער אוקראַיינישער פּאָליציי, איז אויך גע־שאַפען געוואָרען אַ מאַדיאַרישע, וועלכע די אוקראַיינישע איז געווען אונ־טערוואָרפען. די אוקראַינער האָבן די מאַדיאַרען אויפגענומען גאַנץ קאַלט און אַפילו פיינדליך, פאַר זייער שלעכטער באַהאַנדלונג די אוקראַינער פון די קאַרפּאַטען, וועמעס פרוּוון פאַר זעלבסטשטענדיגקייט, פון אָנהויב אי־ניצירט דורך היטלערן, זיינען דערנאָך בלוטיג דערשטיקט געוואָרן. און נאָך מער האָט זיי נישט געשמעקט דאָס, די דאַמאָלסט פאַרשפּרייטע ווערסיעס און באַשטעטיגט פון די מאַדיאַרען, אַז דער טייל פּאָקוציע, גאַנץ סטאַניס־לאַווער וואָיעוואָדישער קרייז ביזן דניעסטער, וועט געהערען צו די מאַדיאַרען, אַלס באַלוינונג פאַר זייער אָנטייל אין קריג. די אוקראַינער האָבן זיך דאָן אַביסעל געפילט נידעריגער און די אידען האָבן פרייער אָבגעאָטעמט, כאָטש די מאַדיאַרען זיינען אין באַהאַנדלונג צו די אידען געווען גאַנץ קאַלט, אָבער נישט ברוטאַל. מען האָט געהערט, אַז אין אונגאַרן איז נישטאָ אַזוינע פאַר־פאָלגונגען אויף אידען, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד; אַז די אידען אַרבייטען דאָרט, אַז אידישע דאָקטוירים זיינען אין דער מאַדיאַרישער אַרמיי, און אַפילו אַז ס׳זיינען פאַראַן ספּעציעלע מיליטער־פאָרמאַציעס, וועלכע באַשטייען פון אידישע ספּעציאַליסטען (אַרבייטס־באַטאַליאָנען). צוליב דעם אויך האָבן זיך די אידען אין אָבערטין געהאַלטען גליקליכער פון די אידען, וועלכע זיינען געווען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

נאָר שוין נאָך אַ פּאָר טעג האָט מען פאַרלוירען דאָס פאַרטרויען צו האָרטיס באַנדע, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבען צו קומען אין משך פון מאָנאַט יולי, טויזענדער אונגאַרישע אידען מיט זייערע משפחות, כלומרשט פון נישט־מאַדיאַרישע אָפּשטאַמונג, פון די געגענדען מאַרמאַראָש־סיגעד, אונג־וואַר, מונקאַטש, בודאַפּעסט, געטריבען פון מאַדיאַרישער פּאָליציי, טיילוויז צופוס און טיילוויז אין פאַרמאַכטע וועגענס, אונטער פּאָליציי־שוץ, אין דער ריכטונג פון יענער זייט דניעסטער. די דאָזיגע אידען האָבן קיין רעכט נישט געהאַט צו בלייבען אין אבערטין, דער ציל פון זייער טראַנספּאָרט איז געווען די ליניע פון יענער זייט דניעסטער, וואו זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטען אויף היטלערס יושר און גערעכטיגקייט.

די אוקראַינער האָבן דערוויל געקריצט מיט שנאה סיי צו די פּאָליאַקען, סיי צו די מאַדיאַרען און אידען. און כאָטש די מאַדיאַרען האָבן פון צייט צו צייט געמאַכט רעוויזיעס ביי אידען און גערויבט, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, האָבן די אידען איבערגעלעבט דאָס שטיקעל צייט פאַרהעלטניסמעסיג רו־היג, ווייל מען האָט דאָך נישט ערלויבט די אוקראַינער צו פייניגען די אידען. ווען י מאַדיאַרען האָבן אין אָנהויב יולי 1941 באַגעגענט אין חאַצימיער, ביי אבערטין, אַ גרופּע אידען פון טלומאַטש בלויז אין דער נאַכט, וועלכע די אוקראַינער האָבן געשלעפּט צום דניעסטער צו דערטרונקען, האָבנדיג בדעה אויך די אידען פון חאַצימיער מיטצושלעפּן — האָבן זיי צוטריבן די באַנדע און געהייסן די אידען זיך אומקערען אַהיים. טראָץ דעם, האָבן די אידען צו די מאַדיאַרען דאָך קיין צוטרוי נישט געהאַט.

שוין אין אויגוסט 1941 האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזען אין אבערטין די ערשטע באַוואָפענטע דייטשען. די מאַדיאַרען האָבן געגנצליך פאַרלאָזען דאָס שטעטעל און די דייטשען האָבן איבערגענומען די מאַכט. פון דעמאָלסט אָן האָט אבערטין געהערט צו האָראָדענקער סטאַראָסטווע, וואו מען האָט גע־גרינדעט אַ א. ג. קרייז־הויפּטמאַנשאַפט. סטאַראָסטווע איז געוואָרען האָנס האַאג פון בערלין און זיין פאַרטרעטער איז געווען עס עס אָבערשטורמ־באַנפירער זאָפפלער. פון דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן שוטען אַנטי־אידישע געזעצען. אידען פון 14 יאָר און עלטער האָבן געמוזט טראָגען אַרעמבענדער מיט מגן־דוד׳ס. אידען האָבן זיך נישט געטאָרט באַשעפטיגען מיט פרייע פאַכען, אמטירען אין וואָסערע ס׳נישט איז אַנשטאַלטען. פאַרנעמען זיך מיט האַנדעל און מעדיצינער איז געווען פאַרבאָטען צו באַדינען די קריסטליכע באַפעלקערונג. ס׳איז געווען פאַרווערט צו פאַרקויפען אידען לעבענסמיטעל, אונטער דער דראָהונג פון שווערע שטראָף, און אַפילו טויט־שטראָף. די אידען האָט מען פאַרווערט צו וואוינען אונטער איין דאַך מיט אַריער. מען האָט זיי פאַרבאָטען אַרויסצופאָרען פון אבערטין, וואו ס׳זאָל נישט זיין, אָן אַ ספּעַ־ציעלע ערלויבעניש פון דער מאַכט.

אידען, פון 14 יאָר און עלטער, זיינען געווען געצווינגען צו שווערער פיזישער אַרבייט, אָן אונטערשיד פון מענער און פרויען. מען האָט פאַרפליכ־טעט די אידען צו שאַפען אַ אַזוי־גערופענעם "יודענראַט", צו העלפען איינ־פירען אין לעבען אַלע דערמאָנטע געזעצען. איז אַלזאָ געשאַפען געוואָרען אַ "יודענראַט" אין אבערטין, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מוני ליטוואַק. אין דער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין: אליהו זאַרגער, משה בלומענטאַל, משה שמעלצער, יאָסעל ווייס, שמואל שווימער א.א.

אין דעם זעלבען חודש ד.ה. אין אויגוסט, איז אַריינגעפאַלען אין אבערטין אַ באַנדע באַוואָפענטע דייטשען, זיי זיינען אַריין אין דער גרויסער שול, האָ־בען דעמאָלירט דעם ארון־קודש, אַרויסגעוואָרפען אויפן גאַס די ספרי־תורות און דערנאָך באַפוילען ברענגען דעם רב און אַלע עלטערע אידען. זיי האָבן

צוריסען די רייניגקייטען, אונטערגעצונדען זיי, און דאַן געצווינגען דעם רב מיט די אַלטע אידען צו טאַנצען אַרום דעם שייטער־הויפען, שלאָגענדיג זיי דערביי מיט גומענע שטעקענס. נאָכדעם ווי דאָס פייער איז פאַרלאָשען געוואָרען, האָט מען די אידען מיטן רב געהייסען אַהיימגיין.

פון דער צייט אָן פלעגען דייטשען פון האָראָדענקער פּאָליציי, סיסטעמאַטיש קומען יעדע וואָך אָדער צוויי מאָל אין וואָך קיין אבערטין, פאָדערענדיג פון יודענראַט פאַרשידענע מאַטעריעלע גאָב, ווי צ.ב. שטאָף אויף מענער אנצוגער, שטאָף אויף דאַמען קאָסטיומען, אַ באַשטימטע צאָל ווייכע און האַרטע לעדער, א געוויסע צאָל וועש־מאַטעריאַלען, לייַלעכער, קאָלדרעס און אַנדערע אַרטיקלען. אַן אַנדערשמאָל פלעגען די דייטשען פאָרלעגען אַ פאָדערונג דעם יודענראַט אויף קעלבער, הינער, גענז א.א. דער יודענראַט פלעגט צוזאַמענעמען ביי די פאַרמעגליכע אידען געלד און אָבקויפען ביי די אָרטיגע אידען די געפאָדערטע זאַכען, אַזוי לאַנג ביז די אַלע אַרטיקלען האָבען זיך ביי די אידען געפונען.

מען מוז אונטערשטרייכען, אַז די אידען האָבען, אין דער צייט פון דער ראַטען־מאַכט ליקווידירט די געשעפטען און די סחורות אין אַלגעמיין אויספאַרקויפט, איבערלאָזענדיג פאַר זיך אַ קליינע צאָל. דערפאַר אויך האָבען די "סחורה־לאַגערען" זיך שנעל אויסגעשעפט, איבערהויפט ווען לויט'ן בייַשפיל פון די דייטשען, האָט די אָרטיגע מאַכט ד.ה. די אוקראַאינישע פאַרוואַלטונג, די אָרטיגע אוקראַאינישע פּאָליציי, באַקומען חשק יעדע פאָר טעג אויף פאַרשידענע זאַכען, און מען האָט געמוזט זיי געבען אָבקויף־געלד אין פאָרם פון אנצוגע, פוטערס, שיכוואַרג א.א. מינים זאַכען. מען האָט געמוזט פאָלגען, ווייל די אוקראַאינישע מאַכט האָט געהאַט דעם אויפזיכט אויף אויספילען די אַנטי־אידישע געזעצען און דער קלענסטער אָבזאָג האָט געקענט ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלען אַרויסרופען די געסטאַפּאָווצעס.

אין דעצעמבער 1941 זיינען געקומען קיין אָבערטין פאָרשטייער פון סטאַראָסטווע מיט דאפּלערען בראש, און נאָך אַנדערע געסטאַפּאָלייט, מען האָט געלאָזט רופען פינף מאַן פון יודענראַט, וועלכע מען האָט אַרעסטירט און געהאַלטען פאַר זאַקלאַדניקעס, און איינעם פון זיי האָט מען געשיקט אין שטאָט אַריין, כדי ער זאָל אָנזאָגען דעם באַפעל פון די דייטשען, אַז די אידען מוזען באַלד אָבגעבען אין געמיינדע אַריין גאָלד, זילבער, אויסלענדישע וואַליוטע און פוטער, אונטער דער דראָאונג פון באַלדיגען צעשיסען די פאַרהאַלטענע אידען, ווי אויך די וועלכע וועלען אָבזאָגען אויספילען דעם באַפעל.

אונטער אַזאַ שווערער דראָאונג האָט מען אָנגעהויבען צוזאַמענטראָגען גאָלד, זילבער, אַביסעל וואַליוטע און אַלע פוטערס, בלייבענדיג אויף דעם שווערען, קאַלטען ווינטער אָן אַ וואַרימען מלבוש.

נאָכ׳ן צוזאַמענגעמען די קאָנטריבוציע זייַנען די דייטשען אַוועקגעפאָדען איבערלאָזענדיג אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל רעגיסטרירען דאָס גאַנצע אי־דישע פאַרמעגען ביז אַ לעפעל, אָנגעבענדיג אויף יעדער זאַך איר פאַר־מלחמה׳דיגע פרייז. נאָך דער אַקציע האָבען די דייטשען נישט אויפגעהערט צו מאַנען פון יודענראַט אָבקויף־געלד אין פאַרשידענע פאָרמען ווי ביז אַהער, און ווען די אַרטיקלען האָבען זיך אין אָבערטין איינגאַנצען אויסגענומען, האָט מען געצוואונגען דעם "יודענראַט" איינקויפען די געפאָדערטע סחורה אין אַנדערע שטעט, געבענדיג צוליב דעם ערלויבענישען אויף אַרויסצופאָרען פון אבערטין, מען האָט געצאָלט פאַר דער סחורה באַיאָנישע סומען, ווייל אין אַנדערע שטעט איז דער מאַנגעל אויך געווען גרויס.

נאָכן ערשיינען פון די אַנטי־אידישע געזעצען, האָט מען די אידען איינ־געשפאנט צו שווערער פיזישער אַרבייט: אין פעלד„ שוטרעווען די וועגען, האַקען שטיינער, רייניגען קלאָזעטען, קערען די גאַסען, זיין טרעגערס אין די מילען, ווינטער רייניגען יעדען טאָג די גאַסען פון שניי, א.א.וו. דער יודענ־ראַט פלעגט צוזאַמענגעמען ביי רייכערע אידען געלד און דערמיט אויסצאָלען די אָרעמערע פאַר זייער אַרבייט. דער יודענראַט האָט קיין אייגענע איינ־קונפטען נישט געהאַט. כאָטש אין 1941 איז תבואה אין אונזערע געגענטען געראָטען, דאָך איז דער דערנערונגס מצב פאַר די אידען נאָכ׳ן קומען די דייטשען צו דער מאַכט, געוואָרען פון טאָג צו טאָג שווערער און אין אָנהויב פרילינג 1942 — קאַטאַסטראָפאַל. צו דעם האָבען גורם געווען דריי סבות:

1. דער פאַרבאָט צו פאַרקויפען אידען שפייז;

2. דאָס ביישטייערען די קריסטליכע באַפעלקערונג מיט תבואה און אַנ־דערע קאָנטינגענטען;

3. דאָס ביישטייערען שוין אין סעפטעמבער 1941 די אידישע ערד־אַרבייטער מיט אַ ספעציעל הויכען קאָנטינגענט פון תבואה און אַנדערע שפייז מיטלען, וועלכען זיי האָבען געמוזט צושטעלען אין אַלע 100 פּראָצענט אונ־טער טויט־שטראָף, און צוליב דעם, שוין דאמאָלסט צוגעקויפט, וואָס ס׳האָט אויסגעפעלט צום סכום, ביי די קריסטען, פאַר גרויסען סומען געלט און פאַרשטייט זיך, אומלעגאַל.

די רייכערע אידען, ס׳רוב פון דער האַנדעלס־ספערע, טייל האַנדווערקער און ערד־אַרבייטער, האָבען קיין הונגער נישט געליטען, ווייל פאַר אַ סך געלד, קליידער (מענטעל, אַנצוגע, פוטערס) טייערע מעבעל האָט מען דאָך, אויף אַ נישט לעגאַלען אופן, געקענט קריגען ביי אַ פויער תבואה, וועלכע איז אין ערב־פרילינג 1942 דערגאַנגען צו אַזוינע הויכע פרייזען, אַז פאַר אַ פיין מענער פוטער, האָט מען באַקומען אַ האַלבען צענטנער ווייץ. פּראָפּאָר־ציאָנעל צו תבואה־פרייזען, זייַנען אויך געווען פרייזען אויף מילכיגס און אַנדערע לעבענס־מיטלען. דאָס איינקויפען לעבענס־מיטלען איז פאָרגעקומען

שטרענג געהיים, ווייל און ווען די אוקראינישע פאָליציי האָט געכאַפּט ביי אַזאַ טראַנסאַקציע האָט דאָס דער איד באַצאָלט ווען נישט מיטן לעבען, איז מיטן געזונד, ווייל מען פלעגט אַזאַ אידען אומ׳ברחמנות׳דיק שלאָגען מיט אייזערנע שטעקענס ביז בלוט, אַזוי אַז ער פלעגט קרענקען דערנאָך וואָכען לאַנג. די קריסטען, וועלכע פלעגען פאַרקויפען האָט מען אויך געשלאָגען, אָבער אויף אַ "מענשליכען" אופן, און די איינגעקויפטע לעבענס-מיטלען פלעגט די פאָליציי צונעמען.

אין אָסיען, 1941, האָט דער הונגער אָנגעהויבען דערקוטשען דער אָרע-מער באַפעלקערונג, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייטען זיך צו באַזאָרגען מיט שפייז, איבערהויפט האָבען דאָס אָבגעפילט די קלענערע האַנד-ווערקער, די וועלכע האָבען זיך פאַר פוילענס צייטען פאַרנומען מיט פילעטען אַרבייט, און הויפטזעכליך די וועלכע האָבען געלעבט פון דער שטיצע פון קרובים אין אַמעריקע און האָבען פאַרלוירען זייער געלד אין "גמילת-חסד" קאַסע, מיט וועלכען ס׳האָט אָנגעפירט יוסף אודעלסמאַן.

די נויט האָט זיך פאַרשטאַרקט דורך דעם פאַרגרעסערונג פון דער באַ-פעלקערונג, וועלכע האָט זיך פאַרמערט אויף עטליכע צענדליג אונגאַריש-אידישע משפחות מיט אַ גרויסע צאָל קינדער, וועלכע האָבען זיך אויף זייער צוריקקער פאַרהאַלטען אין אבערטין, און נישט געהאַט קיין שום לעבענס-מעגליכקייטען. מ׳האָט די משפחות באַזעצט אין אידישע הייזער, אין באָד, און פאַרטיילט זיי אויף קעסט ביי רייכערע אידען, וועלכע האָבען לויט אַ ספּעציעלער ליסטע געדאַרפט שפייזען געוויסע משפחות, אין געוויסע טעג פון דער וואָך. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָבען זיך די שטעטישע אָרעמע אידען געפונען אין אַזאַ סיטואַציע, אַז מען איז איבערגאַנגען איבער זיי צו דער טאָג אָרדענונג, ווייל זיי האָבען געהאַט דאָס גליק, נאָך צו פאַרמאָגען אַן אייגענע דירה. די אָרעמע האָבען געבעטעלט ביי די אָרטיגע אידען און ביי דער קריס-טליכער באַפעלקערונג. ס׳זיינען געווען קריסטען, און בפרט אין אָנפאַנג פון דער אָקופּאַציע, וועלכע האָבען רחמנות געהאַט אויף די אומגליקליכע, אָבער שפּעטער האָט זעלטען וועלכער אַריער אַ שטיקעל ברויט דערלאַנגט אומזיסט, צוליב דעם וואָס די שפייז-אַרטיקלען האָבען זיך אויסגעשעפּט ביי די קריס-טען אויך, און געלד צו באַצאָלען האָט מען אויך נישט געהאַט.

דערפאַר מוז מען אויך אונטערשטרייכען די אָפּפערוויליגע הילף, אין דער פאָרם פון צעטיילן שפייז-מיטלען פאַר וועלכע ס׳האָט געטראָגען גאַנצע גרופּען אידען, איינשטעלענדיג זיך דאָס לעבען, די משפחה פון ווראַניקאַ און אַנטאַני סטאַנגרעט, פאָליאַקען, שוסטערס פון אַבערטין. אין דער צייט פון אָסיען-צייט 1941 ביז דער פולשטענדיגער פאַרניכטונג פון די אידען.

צוליב אַזאַ הונגער צושטאַנד איז נישט קיין חדוש, אַז שוין ביים סוף פון יאָר 1941, אַן ערב-פרילינג 1942, זיינען צווישען די אידען אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע פון הונגער, איבערהויפט די אונגאַרישע אידען, וועלכע זיינען

געווען אין אבערטין ביז דעם 14טען אַפּריל, 1942. די נויט איז נאָך געווען גרעסער דורך דעם מאַנגעל פון באַהייצונג, מען האָט געהייצט מיט פלויטען, מעבעל, פוס־באָדענס און מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט.

כאָטש די אידען אין אָבערטין זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער ביז דעם 14טען אַפּריל 1942, האָבען זיי איבערגעלעבט נישט קיין קלענערען גהינום אין מאָראַלישען און פיזישען זין, ווי די אידען אין אַנדערע ערטער, וועלכע זיינען צו יענער צייט שוין דורכגעגאַנגען די באַרימטע אַקציעס און איבערזידלונגען אין געטאָס.

און אַזוי, ביז סעפּטעמבער 1941, האָבען די אידען געלעבט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיגער רואיגקייט וועגען זייער לעבען. נאָר דאָ האָבען אָנגעהויבען דערגרייכען שלעכטע ידיעות פון לעמבערג, ידיעות וועגען בעסטיאַלע אַקציעס אין סטרי און דראָהאָביטש, וועגען פאַרניכטען אויף אַ נידערטרעכטיגען און היטערליסטיגען אופן כמעט די גאַנצע אידישע אינטעליגענץ אין סטאַניסלאַוו (דאמאָלסט איז אומגעקומען אין סטאַניסלאַוו די דאָקטאָרין דרעזנער, די טאָכטער פון שמערל שטיינבאָק פון אבערטין מיט דער טאָכטער). די אַלע געשעענישען האָבען פאַרטריבען דעם שלאָף פון די אויגען ביי די שטעטלישע אידען, מען האָט פאָרגעפילט, אַז יעדען טאָג קענען אָנציען פיינדליכע וואָלקענס אויך איבער זייערע קעפּ, און זיי זיינען געבליבען איינגאַנצען ראַטלאָז.

אויך אין סעפּטעמבער האָבען אָנגעהויבען קומען קיין אבערטין איינצעלנע גרופּען מאַדיאַרישע אידען פון טלוסטע און זאַלעשטשיק, טראָגענדיג זיך מיטן געדאַנק אומצוקערען קיין אונגאַרן. די אָרעמערע, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרען זיינען פאַרבליבען אין אבערטין, און די רייכערע, באַקומענדיג פּורען פון יודענראַט און שפּייז צונויפגעזאַמעלט ביי די אבערטינער אידען, זיינען אַרויסגעפאָרען. דעם טאָג נאָך האָט זיך אומגעקערט ישעיהו אבצוג (דער זון פון ישראל אבצוג, וועלכער איז היינט אין פּאַלעסטינע), וועלכער האָט געזאָלט די אונגאַרישע אידען אָבפירען ביז קיין נאַדוואָרנע, און האָט דערציילט, אַז קומענדיג קיין אָטיניע, האָבען זיי גראָד געטראָפען אויף אַ שרעקליכער אַקציע און קוים אַרויס מיט לעבען פון דאָרט מיט זיינע פּאַסאַזשירען, אין אַ נאָענט פּויליש דערפעל, וואו דער פּוילישער גלח האָט די אונגאַרישע אידען באַהאַלטען, און ער אַליין איז שנעל אַוועק אַהיים. מען

מען האָט קוים אָבגעאָטעמט פון דער ידיעה, ווי ס׳קומט אָן אַ צווייטע, אַז הושענה־רבה איז קיין סטאַניסלאַוו געקומען דער גענעראַל גובערנאַטאָר פראַנק, דער באַרימטער מערדער, און אין דער צווייטער נאַכט נאָך זיין אַוועקפאָרען, איז געווען אַ שרעקליכע אַקציע, וואו מען האָט עטליכע טויזענט אידען אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אויפן בית־עולם און זיי דערשאָסן, און וועגען ענליכע אַקציעס אין אַנדערע שטעטלעך, ווי: דעלאַטין, זאַבלאָטאָוו און אַנדערע.

רעכטען זיך אַלזאָ די אבערטינער אידען, אַז אין די נאָענטסטע טעג, וועט זיי אַזאַ אַקציע אויך נישט אויסמיידען, נאָר מען דערוואוסט זיך, גלייכ־צייטיג, אַז די אַקציע דויערט נאָר אַ באַשטימטע צייט און אידען וועלכע ס'איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטען בשעת דער אַקציע, קענען נאָך איר פאַר־ענדיגען זיך, לעבען מיט דעם לעבענס־שטייגער ווי ביז אַהער. דאָס גיט אַ געוויסע האָפענונג אויף צו ראַטעווען זיך. דאַמאָלסט שלאָפט מען נישט ביי דער נאַכט, מען שטעלט אויף שומרים (אין געהיים פאַר די אוקראַינער, ווייל מען האָט מורא פאַר דעם פאַרראַט) אויף אַלע הויפּט איינפאַר־וועגען פון שטעטעל, מען פאַרזאָרגט זיך מיט באַהעלטענישען ביי באַקאַנטע פויערים, מען צעשפרייט זיך אין די דערפער און אין די פעלדער, איבערהויפּט אין די אָוונטען האָט מען געקענט זען, ווי אידען פאַרלאָזען זייערע וואוינונגען און מען וואַנדערט אויף נאַכטלעגער אין פעלד אַריין.

די פּאַניק האָט געדויערט אין משך פון אַ סך טעג. דערווייל דערוואוסט מען זיך, אַז אומעטום איז רואיג, טרייסט מען זיך, אַז, ווייזט אויס, די דייטשען האָבען געביטען די פּלענער, ווייל וואַרשיינליך ווילען זיי נישט רייצען די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, מיט זייער פאַרגיין. מען גלויבט אָבער נישט אינגאַנצען אין דעם. מען בויט באַהעלטענישען, מען באַהאַלט ווערט־פולערע זאַכען, מען פאַרוואַנדעלט קעלערס אין באַהעלטענישען. דער יודענ־ראַט אַרבייט די גאַנצע צייט נאָרמאַל, קלויבט צוזאַמען יעדען טאָג וואָס ווייטער אַלץ מערערע זאַכען. —— ——

פּלוצלונג, אין דעצעמבער, פאַרט אָן אַ גרופּע געסטאַפּאָ־לייט, ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרען, מיט אַ באַפעל אָבצוגעבען אַלע ווערט־זאַכען, וואָס די אידען האָבען אונטער דראַנג אויסגעפילט. אויך קומט אַרויס אַ באַפעל צו רעגיסטרירען די אידישע פאַרמעגענס, וואָס איז שוין אויך באַ־שריבען פריער. די רעגיסטראַציע ציט זיך אַ לענגערע צייט. און דאָ, ווי אַ דונער אין מיטן העלען טאָג פאַלט אויף די אידען די ידיעה פון האָראָדענקאָ, אַז דעם 15טען דעצעמבער 1941 זיינען, לויט'ן באַפעל פון סטאַראָסטווע, אַלע אידען, יונגע און אַלטע, פרויען און קינדער, געצוואונגען געווען זיך צוזאַ־מענקלייבען אין שול, צו באַקומען אימפּפלונגען געגען טיפוס. דאָס איז געווען אַ געזעץ פאַר אַלע, און דורכפירען האָבען געזאָלט אַלע אידישע דאָקטוירים פון האָראָדענקאָ.

ווען אין דער באַשטימטער שעה האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ פאָר טויז־זענט אידען און די דאָקטוירים אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען האָבען געזאָלט צוטרעטען צו זייער אַרבייט, האָט זיי אַרומגערינגעלט אַ קאָרדאָן פון אוק־ראַינישע פּאָליציי, צוזאַמען מיט געסטאַפּאָ לייט, באַוואָפענט מיט מאַשין־געווער, ווי אויך אַ גרויסע צאָל ציווילע באַנדיטען, אויך באַוואָפענטע (אין דער אַקציע האָבען אָנטייל גענומען אַלע אַרומיגע פּאָליציי אָבטיילונגען, די אוקראַינישע פון האָראָדענקאָער, סניאַטינער און אבערטינער ראַיאָנען, פאַר־

גרעסערט פון טונקעלע פּאַרשוינען פון נאַציאָנאַל־אוקראַינישע אָרגאַניזאַציעס). מען האָט דעמאָלסט ארויסגעפירט פון דער שול די אידען אָן ערך פון 3,000 מאַן אין וואַלד אַריין, אין דאָרף סעמיאַקאָוצע ביי האָראָדענקאַ, און דאָרט אַלע געשאָסען, הייסענדיג קודם זיך נאַקעט אויסטאָן. גרובער פאַר זיי זיינען שוין געווען צוגעגרייט. פון דער אַקציע האָבען זיך באַפרייט בלויז אַ פּאָר דאָקטוירים און ספּעציאַליסטען.

דער אָנפירער פון דער פּאָליציי אין אבערטין איז צו יענער צייט געווען אַ געוויסער סעמעניום, פון הוצולשטשינע, פון קאָסאָוער געגענט. אַ טיפּ פון "אונטערן שוואַרצען שטערען", ווי מען זאָגט, און זיין פאַרטרעטער, אַ געוויסער קוזיק פון טישקאָוויעץ, אַ דעגענעראַט און סאַדיסט מיט אַ אויסזען פון אַ מערדער, האָט נישט אין אידען נישט מענשליך געקאַטעוועט. פאַר טרעפען אים אין אַ אַרישער שטוב ביי קויפען זיך אַ פּאָר קאַרטאָפעל.)

די אידען האָט ווידער אָנגענומען אַ טויט־שרעק. דאָס מאָל, נאָך די האָראָדענקער געשעענישען, איז ווייניק ווער געבליבען אין דער היים. דאָס אידישע טייל פון שטעטעל איז פּוסט געוואָרען, אַפילו דער יודענראַט האָט זיך באַהאַלטען. אין שטעטעל זיינען נאָר געבליבען קראַנקע, קאַליקעס און די אונגאַרישע אידען. די פּאַניק איז נאָך גרעסער געוואָרען, ווען אין צוויי טעג אַרום, נאָך דעם האָראָדענקער פּאָגראָם, האָבען זיך אין עטליכע ערטער פון שטעטעל באַוויזען באַקאַנטמאַכונגען אין דער אוקראַינישער שפּראַך און אין דער פּוילישער שפּראַך, געשריבען אויף שרייב־מאַשינען און אונטערגעשריבען פון האָראָדענקער סטאַראָסטווע, אין וועלכע מען האָט דערקלערט דער אַרישער באַפעלקערונג, אַז דער פּאָגראָם אויף די אידען אין האָראָדענקאַ איז אַן ענטפער פאַר אויסמאָרדען דורך די אידען אין ראָסטאָוו אויפ׳ן דאָן 100,000 ציווילע וועהרלאָזע דייטשען. די אַרישע באַפעלקערונג פון שטעטעל, וועלכע האָט אין אָנהויב מיט ווייניג ענטוזיאַזם אויפגענומען די ידיעה פון דער באַרבאַרישער הריגה אין האָראָדענקאַ, האָט איצט, נאָך דער דערקלערונג פון סטאַראָסטווע, אין איר גרעסטער טייל, אָנגעהויבען רעכענען דאָס פאַרגיין פון די דייטשען אַלץ באַגרינדעטער און באַרעכטיגטער און אַפילו גאַנץ מעסיגע נקמה. די אויסגעקלעפּטע אַפּישען אין שטאָט און די ידיעות וועגען ליקווידאַציע־אַקציעס אויף אידען אויף אַזאַ אָדער אַנדערען אופן אין קאָלאָמיי, סנאַטין, גוואָזדיעץ און אַנדערע שטעטלעך, האָבען געווירקט אַזוי, אַז נישט קוקענדיג אויף די שווערע באַדינגונגען, ווינטער, הונגער און קעלט (די פרעסט זיינען דערגאַנגען ביז 30 און מער גראַד), אָן ווינטער־קליידער, האָבען די אידען זיך אומגעוואַלגערט אויסער דער היים, ערגער ווי די חיות.

אין דעצעמבער 1941, ערשט נאָך דער פאַרזיכערונג פון דער אוקראַינישער שטאַט־פאַרוואַלטונג, אַז אין אבערטין וועט קיין אַקציע נישט זיין, אין וואָס מען האָט אַפילו נישט געגלויבט, האָבען די אידען זיך אומגעקערט אַהיים. מען האָט גערעכענט דערויף, אַז בשעת דעם יום־טוב פון קריסמעס־

געבורט, וועלען די היטלעריסטען זיך נישט פאַרנעמען מיט זייער שמוציגער אַרבייט, ווייל די געסטאַפּאָלייט וועלען זיך צעפאָרען אויף יום־טוב אַהיים.

דער יודענראַט האָט בשעת די קריסטליכע פייער־טעג אין 1941, אָנגעהויבען זיין נאָרמאַלע אַרבייט, צושטעלענדיג אידישע אַרבעטער און די פאַרלאַנגטע אַרטיקלען פאַר די דייטשען און שטאָט־בעלי־בתים, ווי ביז אַהער. די רוימיש־קאַטוילישע, ווי אויך די גרכיש־קאַטוילישע ימים־טובים זיינען דורכגעגאַנגען רוהיג. די דייטשען זיינען אין דער צייט קיין אבערטין נישט געקומען און די אוקראַינער האָבען דאָס יאָר געהאַלטען די יום־טובים זייער פייערליך און פריילין.

אין פאלגע דער הערשענדער עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס צווישען דער אַרישער באַפעלקערונג אין די דערפער ביי אבערטין, האָט מען באַשלאָסען לויט'ן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט, צו אָרגאַניזירען אַ עפּידעמישען שפּיטאָל אין אָבערטין, יאַנואַר 1942. צוליב דעם צוועק האָט מען באַפוילען דעם יודענראַט צוצושטעלען די גאַנצע איינריכטונג, ווי בעטען, וועש, בעטגעוואַנט, קוך־איינריכטונג, און אַלעס וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ שפּיטאָל. די אידען זיינען אויך געווען די אַרבייטס־קראַפט, דורך וועלכע מען האָט דורכגעפירט דעם רעמאָנט פון שפּיטאָל־בנין. די אָנפירערשאַפט איז געווען אין די הענט פון אוקראַינישען דאָקטאָר. איין אידישער דאָקטאָר האָט געאַרבייט אין שפּיטאָל, און די צוויי אַנדערע דאָקטוירים, אידען, זיינען געווען פאַרנומען מיט'ן עפּידעמיע־קאַמף אין די געגענדען. אַלע סאַניטאַרען, קראַנקען־שוועסטער און באַדינונגס פערזאָנען זיינען געווען אידען. פאַר באַקומען אַרבייט אין שפּיטאָל, האָט דער פּערסאָנאַל באַצאָלט אַ גרויסע סומע אונטערקויף־געלד אין דאָלארען דעם דר. פאַנקיוואָוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון טשאָטאָוויעץ, אַ חוץ דער טאָכטער פון אַלטען שוחט, וועלכע האָט געהאַט אַ אַרבייטס־צייגעניש אויף שוועסטער, און איז אויך געווען אַ אָרעמע.

אין יענער צייט איז קיין טיפוס קראַנקע צווישען די אידען נישט געווען. דער שפּיטאָל איז געעפענט געוואָרען דעם 1טען פעברואַר 1942. די אידען האָבען אָנגענומען דאָס ערעפענען אַ אַרישען שפּיטאַל, מיט אַ אידישען פּערסאָנאַל, אַלס אַ גוטען סימן, אַז אפשר וועלען דאָך די באַציאונגען מצד די דייטשען לגבי זיי זיך ענדערען. אין דער ווירקליכקייט, איז קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען. די אידען האָבען געלעבט דעם גאַנצען ווינטער אונטער'ן דרוק פון פיזישער אַרבייט, צאָלען אויסקויף־געלד די דייטשען, אַרויסבאַקומען לעבענס־מיטלען, וואָס איז תמיד געגאַנגען אין פאָר מיט אַרעסט און שלאָגען ביז צום גיין דורך די אוקראַינישע פּאָליציי־לייט, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרען, אָון דערצו אין שטענדיגער דערשלאָגענקייט. דורך פאַרשאַרפטען באַפעל, אַז אַרויסגיין פון די גרענעצען פון שטעטעל דראָעט מיט טויט־שטראָף, און אַז די זעלבע שטראָף דראָעט יעדען אַריער פאַר אויסבאַהאַלטען אַ אידען.

אין פעברואַר 1942, איז אויפ׳ן סמך פון אַ מסירה מצד די אוקראַינישע הערשער פון שטעטעל, ווי דר. אוהרין מיט זיין חבריתא, זיינען געקומען אין שטעטעל אַריין געסטאַפּאָ־לייט און אַרויסגעפירט אַ גרופּע אידען, מיט דער באַגרינדונג, אַז זיי זיינען געווען קאָמוניסטען. צווישען די אַרויסגע־פירטע איז געווען אַ גרופּע לינק־געשטימטע, ווי: פסח שפּרונג, חיים שפּרונג, חוה שפּרונג (פון דער היים שווימער). אָבער די מערהייט פון זיי האָט קיינמאָל מיט קאָמוניסטען גאָר קיין שייכות נישט געהאַט, ווי: סאַלאַ ווייס, הערש ליטוואַק, ראובן יונגפּרוי, יעקב שטיין און אַנדערע, וועלכע האָבען זיך גע־פונען אויף דער ליסטע אַלס קאָמוניסטען, צוליב פּערזענליכע סבות. ראובן יונגפּרוי איז אַנטלאָפען. הערש ליטוואַק, סאַלאַ ווייס, יעקב שטיין האָט מען נאָך אַ פאַרהער אין קאָלאָמיי פריגעלאָזט, אָבער די ברידער שפּרונג, האָבען די געסטאַפּאָווצעס אומגעבראַכט, אין קאָלאָמיי.

די אַלע צרות האָבען געבראַכט דערצו, אַז די אידען האָבען כמעט אינ־גאַנצען פאַרלוירען זייער מענשליכען שטאָלץ און גלויבען אין רעטונג, בפּראַט, ס׳זיינען אָנגעקומען אין יענער צייט שלעכטע נאַכריכטען פון מזרח פראָנט און אַ הילף פון מערב איז געווען האָפנונגסלאָז.

אין צווישען־צייט האָט מען שוין איינגעפירט געטאָס אין קאָלאָמיי און אין אַנדערע אַרומיגע שטעטלעך, וואו ס׳פלעגען פאָרקומען קלענערע און גרעסערע אַקציעס אויף אידען.

---

## 5. דאָס אַרויסטרייבען די אידען אין קאָלאָמייער געטאָ, זייער לעבען און מאַרטירערשאַפט דאָרט און דער אומקער פון אַ טייל פון זיי אויף קאַטאָרזשנע אַרבייט קיין אבערטין

אַרום דעם 10טען אַפּריל 1942, האָבען זיך באַוויזען באַקאַנטמאַכונגען פון דער דייטשער מאַכט, אַז אַלע אידען, אָן אונטערשיד פון עלטער, דאַרפען דעם 14טען אַפּריל ד. י. פאַרלאָזען אבערטין און גיין קיין קאָלאָמיי אין געטאָ. יעדער מעג מיט זיך מיטנעמען אַזויפיל באַגאַזש, וויפיל ער איז בכוח צו טראָגען. קראַנקע און אַלטע וועט מען אָבפירען אויף פורען, וועלכע ס׳דאַרף צושטעלען די שטאָט־פאַרוואַלטונג. אָן אויסנאַם, זיינען די אידען וועלכע אַר־

בייטען אין פאַבריקען און אין אונטערנעמונגען, וואָס טראָגען אַ קריגס־כאַראַקטער, און וועלכע וועלען האָבען אַ ערלויבעניש אויף צו בלייבען פון גענעראַל גובערנאַטאָר אין קראַקאָוו.

אין אָבערטין איז קיין מלחמה־אינדוסטריע נישט געווען. צוויי מענשען האָבען באַקומען ערלויבענישען אויף צו בלייבען. דאָס זיינען געווען: שבתי גרעגער אין נחום שאָר מיט זייערע משפחות, וועלכע האָבען זיך באַשעפטיגט

מיט צוזאַמענקלייבן שמאַטעס און ליפערן זיי אין דער דייטשער ווירט־שאַפט־צענטראַלע קזן קאָלאָמיי.

דורכ'ן יודענראַט פון קאָלאָמיי, דערוואוסט מען זיך, אַז ס'איז דאָך פאַראַן פאַר אַ טייל אידען אַ מעגליכקייט צו בלייבן, ספּעציעל פאַר דאָקטוירים, ערד־אַרבייטער און געוויסע בעלי־מלאכות. דאָס אָבער איז אָבהענגיג פון דער שטאָטישער מאַכט און פון דער באַשטעטיקונג פון קאָלאָמייער אַרבייטסאַמט.

מ'הויבט דעריבער אָן צו מאַכן באַמיאונגען פאַר בלייבן ביי די אייב־פלוסרייכע טוער פון שטעטעל, ליציטירענדיג זיך דערביי אין דער הויך פון אונטערקויף־געלד. באַזונדער ביי דער שטאָט־מאַכט, דר. אוהרין און זיין ברודער דעם בירגערמייסטער וואַסיל אוהרין, און באַזונדער ביים אָנפירער פון עפּידעמישען שפּיטאָל אין אָבערטין דר. פאַנקאָוו, און נאָכ'ן פאַרשטענ־דיגען זיך מיט'ן אָנפירער פון דאַמאָלסטדיגען אַרבייטס־אַמט אין קאָלאָמיי, אויך ביי אים, איבערגעבענדיג אין די דריטע הענט אַ גרויסע סומע וואַלוטע אין דאָלאַרען. ס'האָבען זיך אויף דעם צוזאַמענגעלייגט די רייכערע אידען פון דער האַנדעלס־ספערע, ערד־אַרבייטער און עטליכע פון די רייכערע האַנד־ווערקער. די פערטראַקטאַציעס טרעפען אָן אויפן אָרט אויף נישט קיין קליינע שוועריגקייטען.

אין דער צייט ווען דער שטאָט־ראַט איז באַשטאַנען אויף איבערלאָזען די דאָקטוירים און סאַניטאַרען פּערסאָנאַל, צוליב דער הערשענדער נאָך אויף טיפוס־עפּידעמיע, איז די הסכמה אויף דעם רעשט אידען שווער געווען צו באַקומען. שוין צוויי טעג פאַר'ן גירוש, האָבען אידען געוואוסט, אַז די האָפענונגען פון געוויסע אידען אויף בלייבען, נישט קוקענדיג דערויף וואָס מען האָט אוועקגעגעבען אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט און פאַרמאָגט, איז האָ־פענונגסלאָז. דערפאַר האָבען זיך אַלע געגרייט צו פאַרלאָזען די שטאָט, אַ חוץ די דאָקטוירים און סאַניטאַרען פּערסאָנאַל. די ליסטע פון די איבער־בלייבענדיגע האָט מען פאָרגעלייגט דעם פּאָוויאַטאָווע דאָקטאָר אין קאָלאָמיי, דר. לעוו, וועלכער האָט גלייך אויסגעשטראָכען אַלע, מיט'ן אויסנאַם פון: צוויי דאָקטוירים, דעם אַפּטייקער און דענטיסט, באַהויפּטענדיג אַז מען דאַרף נישט צו האָבען אַזוי פיל אידען.

די אויסגעבעסערטע ליסטע האָט דער דר. לעוו איבערגעשיקט אין אַר־בייטס־אַמט צום באַשטעטיגען. און דאָ, אין דייטשער אַרבייטס־אַמט, איז מען אָן קיינעמס אונטערקויף, מסכים געווען אויף דער גאַנצער ליסטע, נישט קוקענדיג אויף די אויסבעסערונגען (ווייל די דייטשען האָבען זיך געשראָקען פאַר עפּידעמיעס) און מען האָט אַרויסגעגעבען פאַר יעדען אַ אַרבייטס־קאַרטע מיט אַ גרויסען אויפדרוק "יודע" און מיט אַ מגן־דוד. גלייכצייטיג מיט די אַרבייטס־קאַרטען האָט דער דייטשער אַרבייטס־אַמט אַרויסגעשיקט אַ פער־מאַכטען בריוו צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

1. ס'בלייבען: דאָקטוירים, אַפּטייקער, דענטיסטען און דער גאַנצער אידישער פּערסאָנאַל, וואָס אַרבייט ביים באַקעמפען די עפּידעמיע;

2. לויט דער הסכמה פון דער אָרטיגער מאַכט קענען בלייבן: א) ערד־אַרבייטער, וועלכע פאַרמאָגען גענוג זאַמען און אַ געהעריגען לעבעדיגען און טויטען אינווענטאר צום באַארבייטען פעלד; ב) אַ געוויסע צאָל בעלי־מלאכות וועלכע איז נויטיג כדי אָנצוהאַלטען די נאָרמאַלע ווירטשאַפט פון שטעטעל און אין דער סביבה;

3. אַנדערע פערזאָנען, וועלכע זיינען אין דער געמיינדע ווירטשאַפט.

צו דעם צוועק וועט דער לייטער פון אַרבייטס־אַמט, אַ דייטש, קומען קיין אָבערטין און נאָכ׳ן צוזאַמענעמען אַלע אידען אין רינג, וועט מען קענען זיך מיט אים פערזענליך וועגען דעם דורכרעדען.

דעם בריוו האָט דער שרייבער פון די שורות, אָבגענומען ביים געמיינדע־שליח, אויפגעעפענט און נאָכ׳ן דורכלייענען, צוריק פאַרמאַכט און איבער־געגעבען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער גמינע (צוליב דער אָפּוועזענהייט פון בירגערמייסטער), זיין ברודער דעם וועטערינאר דר. אוהרין, וועלכער האָט פּאַקטיש, אונטער די קוליסען רעגירט מיט דעם שטעטעל. דער האָט צו־זאַמען מיט נאָך אַ ראַטמאַן מיכאַיליוק געלייענט דעם בריוו. ווען דער צוויי־טער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען קען און מען דאַרף עמיצען איבערלאָזען, איז דר. אוהרין רויט געוואָרען פאַר כעס און בייז געזאָגט: "מיר דאַרפען קיינעם נישט". אַזוי איז אויך די פראַגע ערלעדיגט געוואָרען.

די אידען האָבען דערווייל, שוין אַ פּאָר טעג זיך געגרייט צום גירוש. מען האָט פאַרקויפט פאַר האַלב אומזיסט וואָס מען האָט געקאָנט, דאָס רעשט האָט מען פאַרגראָבען אָדער באַהאַלטען ביי פאַרלעסליכע קריסטען. מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט מען געקראָגען ברויט, געגייט רוקזעק, אַרומגעלאָפען ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז. נאָכמיטאָג, ערב דעם טאָג וואָס מען האָט געדאַרפט אַוועקגיין אין געטאָ, האָט מען אויסגעשטעלט פאַר יעדער אידישער שטוב פיקעטען, וואָס זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אוקראַינישער האָלאָטע, וועלכע האָבען געהיט אַז אידען זאָלען גאָרנישט קענען באַהאַלטען און ערגעץ נישט קענען אַנטלויפען, און לויט דער דערקלערונג פון שטאָט־נאַטשאַלניק, האָבען זיי געזאָלט היטען, אַז אידען זאָלען נישט אויס נקמה אונטערצונדען דאָס שטעטעל.

פון דער צייט, ווען מען האָט באַפוילען אַז די אידען דאַרפען פאַרלאָזען אָבערטין און גיין אין געטאָ, האָט מען באַלאַגערט די חרוב׳ע קברים פון די קרובים, פאָטערס, זיידעס און עלטער־זיידעס און מיט האַרצרייסענדע גע־וויינערייען און וויי־געשרייען וועלכע האָבען זיך דערטראָגען ביז׳ן מיט׳ן שטעטעל, זיך געזעגענט מיט די טויטע, בעטענדיג ביי גאָט רחמנות און אָב־קערען דאָס אומגליק.

פאַרטאָג האָט מען אָנגעהויבען צוזאַמענטרייבען אַלע אידען, אַ חוץ די דריי דאָקטוירים, דעם מעדיצינישען פערסאָנאַל און די צוויי אידישע שמאַטע־

הענדלער, אויפ׳ן רינג?פלאַץ. די אידען זיינען געווען באַלאָדען מיט פעקלאַך, אַ טייל האָבען געוויינט און י גרעסטע טייל איז געווען איבגאַנצען ווי פאַר־שטיינערט. פאַר אַלטע און קראַנקע זיינען געווען אָנגעגרייט פערד־און־וואָגענס. דער פלאַץ איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אוקראַינישע פּאָליציי און מיט אירע באַוואָפּענטע און נישט באַוואָפּענטע מיטהעלפער. אַזייגער אַכט איז־דערפרי איז דער לייטער פון קאָלאָמייער אַרבייטס־אַמט, און נאָך אַ קורצער קאָנפערענץ מיט די שטאָט־אָנפירער, האָט ער געגעבען אַ באַפעל צום אַרויס־מאַרש. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די שטאָטישע מאַכט איז געבליבען ביי איר באַשלוס, אַרויסצוטרייבען אַלע אידען.

ס׳איז געווען אַ שיינער, וואַרימער פרילינגס־טאָג. די זון האָט געשיינט פאַר אַלעמען, נאָר נישט פאַר די אידען. און ווידער בייגעווען פון דער מינ־דערהייט און פאַרשטיינקייט פון דער מערהייט, האָט מען אָנגענומען דעם ענטגילטיגען באַפעל צום אַרויסמאַרש. אַממייסטען רירענד און פול מיט אימה איז געווען דער מאָמענט, ווען מען האָט די אַלטע, קאַליקעס און קראַנקע גע־זעצט אויף די פורען. זיי האָבען בשום אופן זיך נישט געוואָלט זעצען און געבעטען זיך גיין צופוס, מיינענדיג, אַז מען וועט זיי ברייגגען אין געטאָ אויף די פורען וועט מען זיי באַלד אומברייגגען.

די אידען זיינען אַרויס פון שטעטעל רייענווייז, אַרומגערינגעלט פון אוקראַינישע פּאָליציי און ציווילליט, באַוואָפּענט מיט מאַשין־געווען און גומענע שטעקענס, אָן דער שפּיץ מיט צוויי דייטשען פון האַראָדענקער פּאָ־ליציי פון וועלכע איינער אָבערמייסטער פון ס. א. לערנער, איז שטעטס געווען צוגעטיילט צו אָבערטין.

לויט די דערציילונגען פון אליהו זאַרגער ע״ה, האָט זיך שטאַרק נוקם געווען אויפ׳ן וועג קיין קאָלאָמיי אָן די אידען, דער שוין דערמאָנטער קוזיק, וועלכער האָט אָן רחמנות געשלאָגען די אָבגעשטאַנענע אין וועג, אָבגעמו־טשעטע און אָבגעשוואַכטע האָט ער ניט געלאָזט אַרויפלעגען די פעקלעך אויף די וועגענער, וועלכע זיינען נאָכגפאָרען, צווינגענדיג זיי איבערלאָזען אַלץ אויפ׳ן וועג און האָט אַפילו נישט ערלויבט אַרויסצוגיין פון ריי, כדי צו נעמען אַביסעל וואַסער. דער טאָג איז דאַמאַלסט געווען אַ געגוג הייסער. פון אָנהויב האָט זיך דער דייטשער פּאָליציאַנט לערנער גאַנץ גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דער סצענע, נאָר דערנאָך האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט דעם באַנדיט קוזיק, אַז זיי האָבען אַ באַפעל צו ברייגגען די אידען אין געטאָ און נישט צו שלאָגען זיי. פון דעם האָמענט אָן האָט מען אויפגעהערט שלאָגען אויפן וועג, מען האָט ערלויבט לענגער זיך אָפּרוען. מ׳האָט ערלויבט צו עסען, כאָטש אַ סך האָבען נישט געגעסען, די גרעסטע טייל האָט געפאַסט מיטאָג פאַר׳ן אַרויסגיין פון קאָלאָמיי. פאַרנאַכט איז מען אָנגעקומען קיין קאָלאָמיי. אַלעמען איז באַפאַלען אַ טויט־שרעק. מען האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווי נאָר מען וועט קומען קיין קאָלאָמיי, וועט מען ווערען אַרומגערינגעלט און

געשאָסען. און דאָך האָט מען זיי פאַרנאַכט אָבגעפירט אין געטאָ, איבער־געגעבען זיי אונטער דער מאַכט פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אין קאָלאָמיי און ואנטער דער אויפזיכט פון אידישע פּאָליציי.

ווער ס'האָט געהאַט קרובים אָדער באַקאַנטע אין קאָלאָמייער געטאָ, איז געגאַנגען צו זיי אין זייערע וואוינונגען און די רעשט אידען האָט דער יודענ־ראַט באַזעצט אויף ספּעציעל צוגערייטע באַראַקען אָדער שטובען, צו עט־ליכע צענדליק מענשען אין איין שטוב. ס'האָט אויסגעפעלט וואוינונגען, ווייל אידען פון אַרומיגע שטעטלעך זיינען אויך צוזאַמענגעטריבען געוואָרען אין דעם געטאָ.

אויף אַזאַ אופן איז אָבערטין פּאַקטיש געוואָרען "יודענריין" נאָכ'ן 14טען אַפּריל 1942. די שטימונג צווישען דער אַרישער באַפעלקערונג נאָכ'ן ארויס־טרייבען די אידען אין געטאָ, איז געווען אַ פאַרשידענע. אייניגע און בפרט די פּאָליאַקען, וואָס האָבען מיט מיטגעפיל צוגעקוקט זיך צוו גירוש, אַנ־דערע האָבען זיך באַגאָסען מיט טרערען פאַר מיטגעפיל, אָבער די אוקראַאינער אין אַלגעמיין, זיינען געווען צופרידען. זיי האָבען דאָס געוואָלט, און זייערע שטרעבונגען זיינען ערפילט געוואָרען. די אידען האָט מען אַרויסגעטריבען, און אָן צו הרג'ענען זיינען זיי געוואָרען די בעלי־בתים פון אידישען האָב און גוטס. דערפאַר אויך האָט זיי נישט איינגעלאַקט דאָס געלד, וואָס די אידען האָבען זיי אָנגעבאָטען פאַר איבערלאָזען זיי אויפ'ן פּלאַץ. דאָס אידישע פאַר־מעגען וואָס זיי האָבען גלייך נאָכדעם ווי די אומגליקליכע זיינען אַרויס פון שטאָט צוגענומען, מיט דער פאַרשטענדיגונג פון דער מאַכט, איז נישט גע־שטאַנען שוין קיין פאַרהעלטניס מיט די סכומים געלטער וואָס די אידען האָבען זיי פאָרגעלייגט אַלץ פרייז פאַר זייער בלייבען אין אָבערטין. גלייך האָט מען אויסגערוימט דאָס מעבעל, איבערגעגראָבען די קעלערען און באַ־העלטעני'שען, חרום געמאַכט הייזער, אויפזוכענדיג און פאַרנומענדיג אַלץ וואָס מען האָט נאָר געפונען. דערביי האָט מען זיך צעטיילט מיט אידישע פעלדער, מיט די איבערגעלאָזענע בהמות, פערד, מיט דעם גאַנצען אַרבייטס־אינוועטאַר, עדשט־קלאַסיגע זאַמען, אַרבייטס־מכשירים פון די בעלי־מלאכות, מיט זייערע וואַרשטאַטען, מיט איין וואָרט, מיט אַלעמען. אַלץ האָט געהערט צו די אוקראַאינער, און וואָס מער נאַציאָנאַליסט אַלץ אַ גרעסער פאַרמעגן האָט ער פאַרנומען. מען האָט זיך באַזעצט אין בעסטע אידישע הייזער, און קיינער האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פון אידיש פאַרמעגען, נישט די רייכע, נישט די אָרעמע, נישט די פּראָסטע לייט, נישט די אינטעליגענטען — אַלץ האָט גענומען.

עטלכע טעג נאָך אַרויסטרייבען די אידען אין געטאָ, איז דער אויטאָר געווען אַ צוהערער פון אַ געשרעך צווישען דעם קאָמענדאַנט פון דער אוק־ראַאינער פּאָליציי, דעם שוין־דערמאָנטען סעמעניוק און אַ אוקראַאינישען אָפּ־טוויקער, אַ געוויסען האַראַק. דער קאָמענדאַנט האָט זיך געקלאָגט דערויף

וואָס מען האָט איבערגעלאָזן אין אָבערטין דעם שוין־דערמאָנטען שבתי גרעגער, אַ שמאַטע הענדלער מיט זיינע אַכט קינדער, ווייל פון אַזוינע "שאַפּ־סיקעס", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, קאָן נאָך אין אַ הונדערט יאָר שפּע־טער אַרויסקומען הונדערטער טויזענטער אידען אויף דער וועלט. און דער אַפּטייקער ווידער האָט באַוויזען, אַז די שמאַטע־הענדלער זיינען פאַרן אוק־ראַיינישען פאָלק אַ סך קלענערע געוואַר ווי דאָס איבערלאָזען די אידישע אינטעליגענץ, וואָס איז לויט זייער נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט אַ וויכטיגער פּראָבלעם, וועלכען מען וואָלט באַדאַרפט ראַדיקאַל אַנטשיידען. ווייזט אויס, אַז דעם אַפּטייקער האָט וויי געטאָן דאָס וואָס די בעלי־בתים פון דער אידי־שער אַפּטייק, וועלכע ער האָט איבערגענומען, לעבען נאָך און האָבען נאָך דאָס רעכט אין איר צו אַרבייטען.

אָבער די פּוירעמי האָבען געהאַט מער גליק, זיי האָבען געפּטר'ט די אידען און צוגענומען זייער פאַרמעגען און באַלד געוואָרען אַליין בעלי־בתים. מיט איין וואָרט, צוליב מאַטעריעלע צוועקען, האָבען כמעט אַלע אוקראַינער געדורשט אידיש בלוט און געווינשען זיך זייער פאַרניכטונג, אין נאָך אַ שנעלערען טעמפּאָ ווי די דייטשען האָבען עס דורכגעפירט.

נאָך אַ שטיקעל צייט הויבען אָן צו קומען פון קאָלאָמייער געטאָ שלעכטע ידיעות. די קליינע זאַפּאַסען שפּייז און געלד ענדיגען זיך און דער הונגער הויבט אָן צו דערקוטשען די אָבערטינער אידען, און צוליב פּאַטאָלע אַנטי־היגיענישע וואוינונגס באַדינגונגען, שטעקען זיי זיך שנעל אָן מיט פאַר־שידענע קראַנקהייטען, בפרט די אָרעמע, וואן ווערען געשוואָלען און קרענ־קען אויף בויך־טיפוס (אָדער הונגער־טיפוס), וואָס איז אויך געווען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג ביי די קאָלאָמייער אידען און ביי אַנדערע וואָס שטאַמען און זיינען צוזאַמענגעטריבען געוואָרען פון פאַרשידענע שטעט.

פון צופירען שפּייז אין געטאָ האָט קיין רעדע נישט געקאָנט זיין. שטאַר־קערע, פּאַכלייט, וועלכע פלעגען אַרבייטען אויסער'ן געטאָ, האָבען נאָך געהאַט די מעגליכקייט פאַר טייער געלד אָדער קליידונג קויפען שפּייז, אָבער אין געטאָ האָבען זיך אַפילו די רייכע געציילט מיט געלד, ווייל צוליב די האָרענדאַלע פרייזען, האָט דאָס געלד געקאָנט נישט קלעקען אַפילו אויף דער נאָענטסטער צייט. די אידען שפּייזען זיך דערפאַר, מיט אָבפאַלען פון די מיסט־קאַסטענס, מיט גראָז און נאָך אַזוינע זאַכען. וועגען אַ שטיקעל ברויט קען קיין רייד נישט זיין.

דאָס אַלעס איז נוגע בעיקר די אָרעמערע צו וועלכע דער גרעסטער טייל האָט געהערט אין געטאָ. די אידען אין געטאָ הויבען אָן מאַסענווייז צו שטאַרבען. טאָג־טעגליך באַגראָבט מען אין קאָלאָמיי צו עטליכע צענדליג אידישע מתים, און דאָס האָבען אויך געוואָלט די דייטשען. נאָר דער פּראָצעס פון אויסשטאַרבען פון אידען האָט זיך אויסגעוויזען צו אַ פּאַמעליכער, דער־

פאַר פלעגען זיי צואיילען, מאַכענדיג אָנפאַלען אויף אידען, אויפכאַפּען אַ טייל, זיי אַרויספירען אין וואַלד אַריין קיין שיפּאַראָוויעץ, אַ דערפעל ביי קאָלאָמיי און זיי דאָרט שיסען.

איינצייטיג האָט מען געצווינגען דעם יודענראַט צוצושטעלען אַלטע לייט, קינדער, קראַנקע און נישט קיין אַרבייטס־פעאיגע, וועלכע מען האָט אויפ׳ן אָרט געטויט און איינצייטיג מיט די אַקציעס האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער צווישען די אידען. באַלד נאָכ׳ן אָנקומען אין געטאָ, זיינען געשטאָרבען אַ סך אָבערטינער אידען פאַר הונגער, ווי דער אַלטער שוחט הערץ פּערל־מוטער מיט דער משפּחה, די רביצין מיט דער טאָכטער און איידעם און מיט איר זון, די משפּחה ענגעלשטיין, שמואל צייכנער מיט זיין משפּחה, די רעכטס־הענדלערס מיט זייער טאָכטער און אַ סך אַנדערע. אַנדערע ווידער אָבערטינער אידען האָט מען אומגעבראַכט, ווי די ריפּשטוס און אַ סך, אַ סך אַנדערע. באַלד נאָך זייער אָנקומען אין געטאָ האָבען זיך די אָבערטינער באַמיט אומצוקערען קיין אָבערטין אויף אַרבייט. דיר אַרבייטס־אַמט אין קאָלאָמיי האָט פאַר געלד מיטגעהאָלפען, און די אוקראַינישע מאַכט אין אָבערטין, נאָך דעם ווי זיי האָבען צוגענומען דאָס גאַנצע אידישע פאַרמעגען, האָבען אויך נישט געמאַכט קיין שוועריגקייטען, ווייל פאַר אַרויספרופען אַ אידען אויף אַרבייט האָט מען זיי ווידער געגעבען אונטערקויף־געלד.

דערפאַר פון העלפט חודש מאַי 1942 האָבען אידען אָנגעהויבען זיך אומקערען קיין אָבערטין. ביים אָנהויב איינצעלנע מענשען אַלס שמאַטע־קלייבער, אַלס זאַמלער פון רוי־פעל, און דערנאָך שוין גרעסערע גרופּען אַלס ערד־אַרבייטער, אַלס אַרבייטער ביי די טראָף־גראָבענס אין יאַקאָבוווקיע, אַלס גאָר־נויטיגע בעלי־מלאכות (צ. ב. נאָכ׳ן פאַרטרייבען די אידען איז אין אָבערטין נישט געווען אַפילו איין בלעכער), אַלס באַגרעבער פאַר די אידען (אַלס אַזעלכער האָט אומגעקערט דוד רויך, אַ שניידער), אַלס הונט־שלעגער איז געקומען ישעיהו אַבצוג, די זין און דער איידעם פון אהרן מאָסבערג זיינען צוריקגעקומען אַלס "לופּיניקעס" ד. ה. אַראָבציהער פון דער פעל פון טויטע בהמות. אַנדערע אַלס געמיינדע אַרבייטער, צו האַקען שטיינער אויף די וועגען, און די לעצטע גרופּע איז געקומען אַלס צוזאַמענקלייבער פון גראָזען. צוזאַמען מיט דער לעצטער פּאַרטיע, וועלכע איז געקומען שוין אין דער צווייטער העלפט פון חודש אויגוסט, דער רב שאַפּיראָ, וועלכער האָט אין געטאָ פאַרלוירען די גאַנצע משפּחה. די אידען האָט מען איבערגעגעבען אַ פּאָר הייזער צום וואוינען, אין דער גאַס נאָענט צו דער ניקאָלטע, אין די אָרעמערע אידישע געסלעך. ס׳האָבען זיך מיט זיי אויך אומגעקערט נישט קיין גאַנצע משפּחות, אַ סך אָן די ווייבער, און מערסטענטייל אָן די קינדער. די פרויען און קינדער נאָך 12 יאָר האָבען אויך געמוזט אַרבייטען, ביי קערען די גאַסען, אָדער אין פעלד. אין דער צייט ווען די פעלד אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען מערסטענס צוגעטיילט צום דאָרף זשוקואוו, און די טראָף אַר־

בייטער אין יאַקובאָוועקע, פלעגען קריגען עפּעס אַ געמיין געקעכץ, האָבען אַלע אַנדערע אידישע אַרבייטער זיך אַליין באַדאַרפט אויסהאַלטען.

די אויבען־דערמאָנטע אידען האָבען זיך אומגעקערט לעגאַל, און אַלס אַזעלכע האָבען זיי זיך געמוזט רעגיסטרירען אין דער פּאָליציי. יעדער פון זיי האָט געטראָגען אַ נומער און מגן־דוד און האָבען געמעגט פריי זיך באַוועגען אין שטעטעל. און ווייל ער קאָמענדאַנט פון פּאָליציי איז איצט געווען אַן אַנדער אוקראַינער, אַ געוויסער וואָראָבעץ, אַן עלטערער מאַן, און אַביסעל מער אַ מענשליכער, ווייל דעם פריערדיגען קוזיק האָט מען איבערגעטראָגען אין אַ צווייטער שטאָט, האָט מען די אידען נישט געמאַכט קיין שוועריגקייטען ביים קויפען זיך עסענוואַרג. צוזאַמען מיט די לעגאַל געקומענע אידען, זיינען געקומען ביי אַ הונדערט נישט לעגאַל, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלען פאַר אַ ערלויבעניש אויף דעם צוריקקערען זיך. די אידען פלעגען זיך זייער פאָרזיכטיג באַווייזען אין גאַס, כאָטש קיין פאַלען פון אַרעסטען זיינען נישט געווען. ווייל פאַר׳ן נייעם ברויט, איז אין 1942 אין אָבערטין געווען אַ גרויסער מאַנגעל אין שפּייז אַרטיקלען, און די יקרות איז געווע אַ גריוסע, האָט געהערשט צווישען די אידען, און בפרט צווישען די אָרעמערע, אַ שרעקליכער הונגער. זיי זיינען געווען געשוואָלען אויפ׳ן גאַנצען קערפּער, אַ סך פון זיי איז איבערהויפּט נישט געווען מעגליך צו דערקענען, און דאָך, האָבען די אידען נישט איבערגעריסען זייער שווערע אַרבייט, מורא האָבענדיג, אַז אין פאַל ווען מען וועט זיי אָנערקענען פאַר נישט אַרבייטס־פעאיגע, וועט מען זיי ברייגען צוריק אין געטאָ און דאָרט פאַרניכטען.

און ווען אידען פלעגען זיך אויף אַ פּאָר טעג באַפרייען פון דער אַרבייט) האָבען זיי געצאָלט דעם אוקראַינישען דאָקטאָר דערפאַר, אַז ער זאָל אין דער באַפרייאונג אונטערשרשטרייכען, אַז דער אָדער יענער איז באַפרייט פון דער אַרבייט, ווייל ער איז נישט אַרבייטס־פעאיג אויף צוויי־דריי טעג בלויז און נישט אָנגעבען אַז ער איז בכלל נישט אַרבייטס־פעאיג.

אין אָט דער שווערער צייט, האָט די שוין אויבען־דערמאָנטע פּוילישע פאַמיליע סטאַנגרעט, נישט האָבענדיג שוין קין אייגענע שפּייז־מיטלען, געקויפט פאַר זייער געלד און כמעט יעדען טאָג פאַרטיילט ברויט און געקאָכטע שפּייז פאַר עטליכע צענדליג אידען, וועלכע זייבען געווען די אָרעמסטע און האָבען זיך אין דעם אַמיינסטען גענויטיגט.

צום הונגער האָט זיך נאָך פאַראייניגט דער בויך־טיפוס, וועלכען די אידען האָבען מיט זיך פאַרשלעפּט פון געטאָ. געשטאָרבען זיינען אָבער נאָר צוויי מענשען: אפרים שור און די טאָכטער פון פראַדעל טאַגער, וועלכע האָט זיך דערטרונקען אין אַ ברונעם, מורא האָבענדיג, אַז מען וועט איר אָבפירען אין קאָלאָמייער שפּיטאָל, ווייל דער עפּידעמישער שפּיטאָל אין אָבערטין איז ליקווידירט געוואָרען.

## 6. דאָס אַרויסטרייבען די אידען פון אָבערטין און זייער ענטגילטיגע פאַרניכטונג

דעם 5טען סעפּטעמבער 1942 האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער סטאַראָסטווע פון האָראָדענקא, קרעמער, האָט געהאַט אין ניעזוויסקאַ אַ וויכטיגע באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון דער אוקראַיִנישער מאַכט פון אָבערטין, און דעם 6טען סעפּטעמבער האָט מען שוין געוואוסט, אַז אַלע אידען וועלען מוזען דעם 7טען סעפּטעמבער, 5 אַזייגער פאַרטאָג, גיין קיין האָראָדענקא אויף אַ איבערזיכט, מיט'ן אויסנאַם פון צוויי דאָקטוירים, ד. ה. דר. ווילבאַק, דר. ברעטלער און אַפּטייקער שאַצבערג. איינער פון די אוקראַיִנער, וועלכער איז געווען אויף דער קאָנפערענץ האָט אָפען ערקלערט, אַז די דריי דערמאָנטע אידען לאָזט מען אויך איבער נאָר אויף אַ באַגרענעצטער צייט.

צו יענער צייט האָט געקאָנט זיין אין אָבערטין ביי אַ 600 אידען, דאָס רעשט האָט זיך נישט אומגעקערט פון קאָלאָמייער געטאָ, ווייל זיי זיינען אויסגעשטאָרבען סיי פון הונגער, סיי פון טיפוס, אָדער גלאַט גע'הרג'עט געוואָרען בשעת די אַקציעס.

אין דערווירקליכקייט האָבען די אידען דעם 5טען סעפּטעמבער 1942 באַקומען אַ באַפעל אַרויסצומאַרשירען מאָרגען דעם 7טען סעפּטעמבער 1942, כ"ה אלול תש"ב, 5 אַזייגער פאַרטאָג, קיין האָראָדענקא, אויף דער לוסטראַציע, וועלכע דאַרף דאָרט כלומרשט פאָרקומען פון די אידישע אַרבייטער. מען האָט געהייסען מיטנעמען שפּייז נאָר אויף איין טאָג, ווייל זיי וועלען נאָך דעם זעלבען טאָג אומקערען זיך קיין אָבערטין צו זייער אַרבייט. די אידען, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אַזאַ "לוסטראַציע" נאָך פון די צייטען, ווען זיי זיינען געווען אין קאָלאָמייער געטאָ, האָבען זיך טיילוויז יאָ פאַרגעשטעלט וואָס מען מיינט, און דאָך איז די גרעסטע טייל, פאָלגענדיג דעם באַפעל, אינדעפרי, אונטער דער עסקאָרטע פון אוקראַיִנישע פּאָליציי, אַוועק קיין האָראָדענקא. אַ פּאָר זיינען אַנטלאָפען אויפ'ן וועג, ביי אַ 120 מענשען האָבען זיך באַהאַלטען אין אָבערטין און אין די אַרומיגע דערפער און וועלדער.

אין האָראָדענקא האָט מען צוזאַמענגעטריבען די אידען אויף אַ פּלאַץ, וועלכער האָט זיך אָנגערופען "די אידישע טאָלאָקע" און צוזאַמען מיט די אָבערטינער זיינען דאָרט געווען ביי אַ 1,500 מענשען. פון זיי האָט מען אויסגעקליבען ביי אַ 180 ספּעציאַליסטען, וועלכע זיינען געווען נויטיג צו פירען די ווירטשאַפט און מען האָט זיי באַצייכענט מיט אַ צייכען: "ווירטשאַפט ה". די אידען האָבען דרוויל געזאָלט בלייבען. אויף דעם איז אָנגעפאָרען אַן אויטאָ מיט געשטאַפּאָווצעס און אַ אויטאָ מיט אוקראַיִניקע פּאָליציי, צוזאַמען מיט דייטשער קרימינאַל פּאָליציי, און מען האָט אָנגעהויבען שיסען פון מאַשין־געווער אויף די פאַרזאַמעלטע אידען. אויפ'ן אָרט איז געווען אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע. נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט דער שעף פון געסטאַפּאָ גע־

געבען אַ געשריי, אַז צו דער איבערזוכט האָבען זיך געשטעלט ווייניג אידען. דערנאָך האָט ער באַפוילען זיי אַלע זיך אויסלעגען מיט׳ן פּנים צו דער ערד און ווידער געהייסען שיסען אין די אידען פון מאַשין־געווער. נאָך אַ שטיקעל צייט האָט מען געהייסען די אידען, וואָס זיינען געבליבען לעבען אויפשטיין און אי רייע האָט מע זיי אָבגעפירט אין אַ שפּעכלער, וואו מען האָט אויסגע־קליבען פון צווישען זיי ביי אַ הונדערט ספּעציאַליסטען, וועלכע מען האָט געהייסען גיין צו דער אַרבייט, און די איבעריגע האָט מען דעם צווייטען טאָג פאַרלאָדען אין וואַגאָנען און אַרויסגעפירט קיין בעלזשעץ אויף פאַרניכטונג. וועגען די געשעענישען אין האָראָדענקא האָט דערציילט איינער פון די וועלכע זיינען דאָרט געווען און וועלכען ס׳איז געלונגען צו בלייבען לעבען. דאָס זיי־נען: לייב צוואָרין און דער שפּעטער אומגעקומענער מוניא ליטוואַק.

פון דער "איבערזיכט" אין האָראָדענקאָ האָבען זיך אָסמגעקערט צווי מענשען: דער איידעם פון לייב געביר׳ער, לאַגער, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין האַלז, און מוניא ליטוואַק, וועלכער איז אַנטלאָפען אין אַטיניע פון וואַגאָן, וואו מען האָט אים פאַרלאָדען אויף צו פירען קיין בעלזשיץ צו־זאַמען מיט זיין פרוי. און פונוואַנען ס׳איז אים געלונגען אַרויסצושפּרינגען אַליין, איבערלאָזענדיג זיין ווייב. לויט זיין דערציילען, האָבען די פאַרלאָדענע אידען געגלויבט, אַז זיי פאָרען אין קאָנצענטראַציע לאַגערען, און וועגען קרעמאַטאָריומס האָבען זיי קיין אַנונג נישט געהאַט.

די גרעסטע טייל פון אָבערטינער יודענראַט איז קיין האָראָדענקאַ נישט געגאַנגען, נאָר זיי האָבען זיך באַהאַלטען אין אָבערטין און אין זשוקאָוו. די אוקראַינישע פאָליציי און די שטאָטישע מאַכט האָבען געוואוסט אַז די אַקציע איז נישט דורכגעגאַנגען לויט זייער מיינונג און אַז ס׳זיינען נאָך פאַרבליבען אידען, דערפאַר האָט די פאָליציי מיט דער הילף פון דער ציוויל־באַפעלקע־רונג אָנגעהויבען זוכען אויפן גאַנצען שטח פון אָבערטינער געגענד, די באַ־האַלטענע, און ווען דאָס איז זיי נישט געלונגען, ווייל מען האָט געפונען בלויז אַ פאָר מענשען, וועלכע מען האָט איבערגעגעבען אין די הענט פון קאָלאָמייער געסטאַפּאָ, דעמאָלסט האָט די אוקראַינישע פאָליציי, אין פאַרשטענדיגונג מיט דער דייטשער מאַכט, באַקאַנטגעמאַכט, אַז פון דעם 20טען סעפּטעמבער ביז דעם 1טען אָקטאָבער, מעגען אידען זיך פריי באַוועגען אין אָבערטין, און אַז ביז דעם 1טען אָקטאָבער קענען זיי, אָן שום שטערונגען און מיט פולשטענ־דיגער זיכערקייט וועגען זייער לעבען גיין אין געטאָ קיין קאָלאָמיי. ווען אַ פּאָר פון די אידען, וואָס זיינען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, אונטער׳ן דרוק פון די פויערים ביי וועלכע זיי האָבען זיך צייטווייליג באַהאַלטען, האָ־בען זיך איבערצייגט, אַז די פאָליציי אויפ׳ן אָרט טוט זיי גאָרנישט, און אַז אין קאָלאָמייער געטאָ איז פאַרהעלטניסמעסיג רואיג, זיינען זיי אין קלענערע און גרעסערע גרופּען אוועק אין געטאָ.

דער ציל פון דער פאַראָרדענונג איז געווען צווייערליי: ערשטענס, כדי זיך איבערצייגען וויפיל אידען ס׳זיינען נאָך געבליבען, און ווער ס׳איז גע־

בליבען, און צוווייטענס, כדי די וואָס זיינען נישט געגאַנגען אין געטאָ בעסער צו קענען כאַפּען.

נאָכ'ן 1טען אָקטאָבער 1942, האָט מען שוין קיין אידען אין אָבערטין נישט געזען. נאָך אַ שטיקעל צייט האָט מען אויסגעפונען אין סויכערס הויז אַ גרופּע פון מעדיצינישען פּערסאָנאַל, צווישען אַנדערע, צוויי טעכטער פון אליהו זאַרגער, וועלכע מען האָט אַרויסגעפירט קיין האַראַדענקא און וועלכע ס'איז געלונגען צו אַנטלויפען און אומקערען זיך קיין אָבערטין. דערנאָך האָט מען אַוועקגעפירט קיין קאָלאָמיי דעם דר. לעבצעללער און דעם אַפּטייקער שאַצבערג מיט דער פרוי. זיי זיינען אומגעקומען אין דער נאָענטסטער אַקציע אין שיפּאַראָוויעץ, און דער אַפּטייקער שאַצבערג אַליין האָט זיך גע'סמט אין די ערשטע טעג פון מאָנאַט פעברואר 1943. אין דעצעמבער 1942 האָט מען אַנטדעקט די גאַנצע משפחה מאַסבערג, וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטען אין מיסט, אין פעלד און זיי געשאָסען.

אין דער העלפט פון מאָנאַט יאַנואַר 1943, האָט מען געפונען אַ גרופּע רייכערע אידען פון שטעטעל, וועלכע האָבען זיך אויסבאַהאַלטען אין וואַלד ביי חאַצימיער, מיט'ן פּרעזעס פון יודענראַט בראש. ס'זיינען געווען דאָרט: מוניא ליטוואַק, זרח שמעלצער מיט'ן ווייב, משה שמעלצער מיט'ן ווייב, לייב געבירער מיט דער טאָכטער און מיט'ן איידעם (לאַגער), יעקב העלפּגאָט מיט'ן ווייב, שמואל שווימער און חיים קאַנצעלפאָלד. די פּאָליציי איז געווען שטאָלץ אויף דעם פאַרמעגען וועלכעס זיי האָבען געפונען ביי די אידען, און ספּעציעל ביי מוניא ליטוואַק. זיי האָבען אָנגעגעבען, אַז ביי דעם לעצטען האָט מען געפונען אַ סך פּאַפּיר און גאָלד דאָלאַרן, אין ערך פון 5,000 דאָלאַר, און ביי די אַנדערע אויך היבשע סומעס. די אַלע האָט מען אויפן אָרט געטויטעט.

די אוקראַינער האָבען פאַרטווערענט געכאַפּט באַהאַלטענדיגע זיך אידען, פאַרראַטען דורך די פּויערים, און איבערגעגעבען זיי אין קלענערע אָדער גרעסערע גרופּען דער געסטאַפּאָ אין קאָלאָמיי. אין דער צייט האָט מען גע־כאַפּט די צוויי עלטערע טעכטער פון אליהו זאַרגער צוזאַמען מיט הערש שליימער (דער זון פון פישעל שליימער). די פּאָליציי האָט זיי פאַרשלעפּט אויף דעם פערדס־צווינטער אין קאַמיאַנקא־וויעלקאַ, זיי באַפוילען זיך אויסצו־גראָבען קברים און דערנאָך אין די זעלבע קברים זיי געשאָסען. אַרום דעם 26טען מערץ 1943, האָט מען געכאַפּט אליהו זאַרגער מיט דער פרוי, מען האָט זיי פאַרשלעפּט אין תפיסה, וואו אליהו זאַרגער האָט זיך מיט אַ ראַזיר־מעסערל איבערגעשניטען די אָדערען, און אַ גוסס'דיגען האָט מען אים מיט זיין פרוי געבראַכט אויפ'ן אידישען בית־עולם, וואו די אוקראַינישע פּאָליציי האָט זיי דערשאָסען.

ביז צום קומען פון דער רויטער אַרמיי, ד. ה. אין מערץ 1944, איז פון די אויסבאַהאַלטענדיגע זיך אידען, געפאַלען אַ סך קרבנות. צווישען אַנדערע,

האָט מען נישט לאַנג פאַר'ן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי, געכאַפּט יוסף ראָטער, דעם איידעם פון מאיר יונגפרוי, וועלכער האָט געשטאַמט פון טיסמיעניצע. אוקראַינישע פּאָליציי האָבן אים געשלעפּט אויף אַ שטריק, צו־געבונדען צום האַלז איבער דעם גאַנצען שטעטעל ביז אויפ'ן בית־הקברות, און דאָרט אים געשאָסען, שלעפּענדיג ביי אים נאָכ'ן טויט אַרויס פון מויל די גאָלדענע פּראָטעזען.

ביז דער באַפרייאונג האָבן די אוקראַינער, וויסענדיג מער ווייניגער וועלכע אידען לעבן נאָך און באַהאַלטען זיך, באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען זיי אויסצוגעפינען, ווייל זייער שטרעבונג איז געווען פאַרניכטען די אידען, כדי ס'זאָלען נישט בלייבן קיין לעבעדיגע עדות פון זייערע נידעריגע מעשים. עס איז צו באַמערקען אייניגע פאַלען פון אַקטיווען ווידערשטאַנד געגען די שרייבער — שרייבט דאָס איבער קלאָר . . .

דעם 16טען מערץ 1944, האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט אָבערטין פון די היטלערישע מערדער. נאָכ'ן באַפרייען זיך, האָבן זיך באַוויזען די אידען, וועלכע זיינען געבליבען לעבען אין דער צאָל פון 26 מענשען. אין רוב זיינען זיי געווען אָבגעריסען, געשוואָלען, און אייניגע כאָטש נישט געשוואָלען האָ־בן זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. צולים דעם, וואָס דער פראָנט האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אָבערטין דערוייל האָבן די אידען מורא געהאַט, אַז אין קלענסטען ריקצוג פון דער רויטער אַרמיי, קענען זיי ווידער אַריינפאַלען אין די דייטשע הענט, זיינען זיי אַוועק דורך קאָלאָמיי קיין טשערנאָוויץ. קיין אָבערטין האָבן זיך אומגעקערט אין יאָר 1944 בלויז דריי אידען: דר. וויל־באַק פון טשערנאָוויץ, און פון רוסלאַנד געניע און לאָטי ברוק (די טעכטער פון פּיוועל ברוק). דערפאַר אַזוי ווייניג צוליב דרע מורא פאַר די אוקראַי־נישע באַנדעס, וועלכע האָבן געבושעוועט אין די זטעטלעך און דערפער און באַפאַלען סיי די פּאָליאַקען, סיי די אידען.

אָנהויבענדיג פון פרילינג 1945 זיינען כמעט אַלע אָבערטינער אידען, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין ראַטען־פאַרבאַנד, אַוועקגע־פאָרען קיין פּוילען, פון וואַנען אַ גרעסערער טייל איז אַוועק אויף יענער זייט גרענעץ, כדי צו פאָרען קיין ארץ ישראל אָדער אַמעריקע.

---

## 7. סילועטען פון צוויי שטעטעלשע פיגורען, ווי: דער רב און דער ראש־הקהל פון די צווייטען פון דער דייטשער אָקופּאַציע

ביים ענדע ערלויב איך מיר צוצוגעבען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם לאַנג־יאָריגען רב פון אונזער שטעטעל ר' אברהם שאַפּיראָ זצ"ל. ווי כ'האָב שוין פריער דערמאָנט, זיינען אין אויגוסט 1941 אַריינגעפאַלען אין דער

גראָיסער שול צוויי דייטשעַן, וועלכע האָבען דעמאָלירט דעם ארון־קודש, אַרויסגעוואָרפען די ספרי־תורות אויפ׳ן גאַס, זיי אונטערגעצונדען און דער־נאָך אַרויסגעשלעפּט דעם רב און נאָך עלטערע אידען פון די הייזער און באַפוילען זיי טאַנצען אַרום דעם פייער, שלאָגענדיג זיי דערביי מיט גומי שטעקענס. פאַר׳ן אַריינקומען פון די דייטשען קיין אָבערטין, האָט דער רב פאַרגראָבען אין דער ערד אַ סך ריטועלע כלים פון דער שול, און זיינע איי־גענע, נישט ווייט פון דער שול. זומער 1942 האָט זיך דעם רב׳ס זון אומגע־קערט פון געטאָ אין קאָלאָמיי, כדי אויפצוגראָבען די זאַכען און מיטנעמען זיי אין געטאָ. איז ער, אַ פאַרראַטענער פון די שכנים, איבערגעגעבען גע־וואָרען דעם קאָלאָמייער געסטאַפּאָ. אַלע די זילבער זאַכען (הענגלייכטער, עץ־החיים, כתרים א.א.) אין וואָג פון אַ טליכע צענדליג קג. זיינען אַריינגעפאַלען אין די דייטשע הענט און דעם זון האָט די געסטאַפּאָ דערשאָסען.

נאָכ׳ן חרוב מאַכען די גרויסע שול אין אויגוסט 1941, האָט דער רב געהייסען צוזאַמענגעמען די ספרים פון אַנדערע בתי־תפלות און באַהאַלטען זיי אַ טייל אין פריוואַט הייזער און אַ טייל אויף אַן אַנדערען אופן.

נישט געקוקט אויף דער מורא׳דיגער סיטואַציע, און נישט קוקענדיג אויף זיינע אייגענע איבערלעבענישען, באַלד נאָכן אַריינקומען פון די דייטשען, האָט דער רב ע״ה, זיך באַמיט, אַז אידען זאָלען זיך רעליגיעז נישט פאַרנאַכ־לעסיגען. דערפאַר אויך, איז כאָטש די שול איז שוין געווען דעמאָלירט, האָט מען ימים נוראים אין 1941 געדאַוונט אין דער גרויסער שול, און ערשט אַז די דייטשען האָבען פאַרווערט זיך דאָרט צו פאַרזאַמלען, האָט ער זיך באַמיט צו מאַכען אַ ניי בית המדרש, אין הויז פון איתמר שנייד, וואו די פרומע אידען האָבען די גאַנצע צייט געדאַוונט, מיט׳ן אויסנאַם פון גאָר שווערע צייטען, ביז מען האָט זיי פאַרטריבען אין געטאָ קיין קאָלאָמיי. ער האָט זיך באַמיט, אַז אידען זאָלען קענען אָבהיטען כשרות, און צוליב דעם, געהיט אַז דער שוחט זאָל קוילען בפרט עופות, ביי אַ ברית מילה, פלעגט ער תמיד זיין אַליין.

אין יאַנואַר 1942 האָבען צוויי דייטשען אַרויסגעשלעפּט דעם רב ע״ה אויף דער גאַס און מיט אַ באַגנעט אים אָבגעשניטען אַ האַלב באָרד אוןביידע פייעס, דערנאָך האָבען זיי אים פאַרשלעפּט אויף אַ אוקראַינישען פּאָסטען און בלוטיג געשלאָגען און געבראַכט אַ אידישען פריזער און באַפוילען אים אָבגאָלען די באָרד און דעם קאָפּ. פון יענער צייט אָן, פלעגט דער רב אַרומגיין אין גאַס, אונטערגעבונדען דאָס פּנים מיט אַ טיכעל, און נישט קוקענדיג אויף דעם געפאַר וואָס האָט אים געדראָעט, האָט ער אויסגעפילט אַלע זיינע פליכטען ווי פריער, ביז מען האָט אַרויסגעטריבען אין אַפּריל 1942 די אידען אין געטאָ, וואוהין ער איז אויך מיטגעגאַנגען.

אן געטאָ האָט דער רב ע״ה געטיילט דעם גורל פון אַנדערע אידען. דאָרט זיינען אים געשטאָרבען די פרוי, אַ זון, די טאָכטער און דער איידעם. דאָרט

איז אויך געשעסען געוואָרען, ווי כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט, זיין יונגע־רער זון.

אין דער צווייטער העלפט פון מאָנאַט אויגוסט, האָט זיך דער רב שאַפּיראָ אומגעקערט קיין אַבערטין אַלס קלויבער פון קרייטער, אין דער האָפענונג אַוועקצולייגען זיינע ביינער אויפ׳ן אַבערטינער בית עולם, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען צושטערט און פאַראומרייניגט דורך די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטען. זיי האָבען פונם בית עולם אַרויסגעשלעפּט די מצבות און מיט זיי געפּלאַסטערט די וועגען און פּלעצער פון שטאָט. אויפן בית עולם האָבען זיי געפּאַשעט די בהמות און פערד.

אין מאָנאַט אָקטאָבער 1942 איז ער אַוועק מיט אַלע אַנדערע אידען קיין האָראָדענקאַ, אויף דער ״לוסטראַציע״ פון וואַנען ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט.

דער געוועזענער לאַנג־יאָריגער ראש הקל, יוסף אודעלסמאַן, האָט גלייך נאָכ׳ן אַריינקומען פון די דייטשען קיין אַבערטין, איבערגעריסען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אַלס אָנפירער פון די אַבערטינער אידען און לאַנג־יאָריגער פּרעזעס פון דער קהילה. ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגערוקט פון די אידען. ער האָט זיך פאַרמאַכט פאַר זיי און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. די אידען האָבען פון אָנהויב נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה פון דעם, נאָר שפּעטער איז זיי אַלץ קלאָר געוואָרען. מען האָט באַמערקט, אַז יוסף אודעלסמאַן, אָבקערענדיג זיך פון די אידען, האָט אָנגעהויבען באַזוכען דעם שטאָטישען אוקראַינישען גלח, און צו אים אין הויז האָט אָנגעהויבען קומען דער דיאַק פון צערקווע. האָבען די אידען פאַרשטאַנען צו וואָס ער צילט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט דער דיאַק, איינער פון די גרעסטע אוקראַינישע פאַשיסטען, ערקלערט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום, וועט פאָרקומען דער שמד פון יוסף אודעלסמאַן אין היגער צערקווע, ווייל אויף לערנען אים קריסטליכקייט דאַרף מען קיין סך צייט נישט פאַרלירען אַזוי ווי אודעלסמאַן האָט אַרויסגעוויזען גרויסע בקיאות סיי אין דער קריסטליכער רעליגיע, סיי אין דער קלויסטער ליטורגיע, ווייל נאָך אַ סך יאָרען צוריק פאַר 1939, אַרומטראָגענדג זיך מיט דער דעה צו שמד׳ן זיך, און האָט זיך באַצויגען דורכן פּוילישען גלח דעם נייעם טעסטאַמענט, אים געלערנט און באַהערשט.

און פאַקטיש, אַ פּאָר חדשים נאָכ׳ן אַריינקומען פון די דייטשען איז פאָרגעקומען דער פייערליכער שמד אין צערקווע, פון דער פאַמיליע אודעלסמאַן, צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג נישט נאָר פון די אידען, נאָר אויך פון די פּאָליאַקען, וועמענס איבערראַשונג איז געווען באַגרינדעט אויף אַזוי פיל, וואָס אודעלסמאַן איז אַלע יאָרען אָנגעגאַנגען פאַר אַ גרויסען פּוילישען פּאַטריאָט, פאַרנומענדיג בכבוד׳יגע שטעלען אין פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס.

פון דעמאָלסט אָן האָט אודעלסמאַן געלעבט אַלץ גלויביגער אוקראַינער, כאָטש אים האָט געטראָפען דער זעלבער גורל ווי אַלע אַנדערע אידען. אַלס משומד איז ער אויפן באַפעל פון די דייטשען, אַרויסגעפירט געוואָרען צו־זאַמען מיט דער משפחה דורך די אוקראַינישער פּאָליציי אין קאָלאָמייער געטאָ אין יאַנואַר 1943, און איז דאָרט אומגעבראַכט געוואָרען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָקופּאַציע האָט זיך אין אָבערטין אַ חוץ אודעלסמאַנען קיינער נישט גע׳שמ׳ט.